STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03490

IN ROYTLEKHE FARNAKHTN

Simche Granievich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03490-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657034900T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

21. XII - 29

אין רויטלעכע פארנאכטן

דערציילונגען און סקיצן

ארויסגעגעבן דורך א חברים - קאָמיטעט

בוענאָס איירעס

1929

S. GRANIEVICH

EN CREPUSCULOS ROJOS

NARRACIONES

BUENOS AIRES - 1929

Tall. Gráficos de Muschkat y Zaslavsky — Tucumán 3067

מיין ליבער
האַרציקער מאַמען —
געווידמעט.

אין רויטלעכע פאַרנאַכטן

אינהאַלט:

אין וועג — 7

פאַוסטינע — 29

צוויי פלעקן — 43

אַ דירה — 57

אָפּגעזאָגט פון פּאָסטן — 67

אַ טרייסט אין אַ רויטלעכן פאַרנאַכט — 81

אַדאָלפאָ און זיין קער־באַרשט — 95

זעק — 103

מיט פעסטע טריט — 117

אַ רעגן — 151

אין וועג

נאכן אפּגעבן אף באגאזש דעם שווערן שטרויענעם קויש מיט די זאכן, האט זיך ריווקינד מיטאמאל דערפילט אזוי לייכט און גרינג, פונקט, ווי א מענטש, וואס האט אראפּגעפּאטערט פון זיך א שווערן בעל־חוב.

ער האט זיך אזוי ארום אף כוח אוועקגעשטעלט פאר א געשעענעם פאקט, נאך וועלכן ס'איז שוין צו שפּעט חרטה צו האבן און דערמיט גע־וואלט איינמאל פאר אלע מאל, אן עק מאכן צו די נאכאנאנדיקע ספקות, וואס האבן אין דער לעצטער וואך אים שיעור ניט משוגע געמאכט.

נו, איצט איז שוין פארפאלן, — האט ער שטייף האלטנדיק דעם באַ־גאזש־צעטל אין האנט זיך ווי געריייצט מיטן פארבארגענעם פּחדן, וואס איז געזעסן טיף בא אים אין הארצן און א נצחונדיקער שמייכל האט זיך קרומ־לעך צעלייגט אין זיינע מויל־ווינקלען.

ער האט שנעל געשפּרייזט לענג אויס דעם אומהיימלעכן וואקזאל, וואס פון זיין שטיינערנעם פּאל האט געוויט עפּעס א מאדנע אונטערוועגנס־פרעמדקייט, איילנדיק זיך צו זיינע צוויי באגלייטער, וועלכע זיינען געזעסן אין א ווייט פאררוקטן, טונקעלן ווינקל, הארט איינער נעבן אנדערן, אנגע־שפּארט מיט די פּלייצעס אָן אנלען פון א ברוינער האלצערנער באנק.

דאס זיינען געווען די איינציקע גוטע פריינט, וואס ער האט פארמאגט אין דער גרויסער שטאָט.

איינער פון זיי, א חבר נאך פון דער היים, א שווארץ ־ חנעוודיקער בחור, וואס האט זיך נאכן ארומוואלגערן עטלעכע יאר אין פארשידענע טורמעס, געמוזט אף גיך זיך אפּטראגן צוליב א שווערן פּאליטישן פּראָ־צעס.

דער צווייטער, מיט וועלכן ריווקינד האָט זיך ניט לאנג געהאט באַ־

קאנט, איז געווען א לערער אין א פאלקס־שול. א טיפישער ישיבה בחור מיט א פאר פארטרוימטע, בלויע, מיידלשע אויגן און לאנגער הארבאטער נאז, וועלכע האבן צוגעגעבן זיין צארטן בלייכן פנים, ספעציפיש גלותדיקע אויסגעוויקטקייט.

די צוויי חברים האבן זיך אפגערוקט, געמאכט פאר אים פלאץ אינ־דערמיט, געוואלט עפעס זאגן און ניט געקענט.

די שטילשווייגעניש האט, צוזאמען מיטן אנקומענדיקן פארנאכט, גע־ווארפן אן אומעט, געדריקט, ווי א שווערע משא.

ענדלעך האט זיך אנגערופן דער לערער:

— אזוי, אזוי, ריווקינד, וועלן מיר דיך שוין באלד ניט האבן. א שאד, א שאד...

דער קאמוניסט האט א בליץ געטון מיט זיינע קויל־שווארצע אויגן, אין וועלכע ס׳איז געלעגן א פארהאלטענע עקשנות און זיך פארגאנגען אין א הארציקן געלעכטער, נאכמאכנדיק דעם לערערס רייד מיט א וויינענדיקן קול:

— אזוי... אזוי, ריווקינד... וועלן מיר דיך...

ריווקינד האט שמייכלענדיק געקלאפט מיט דאנקבארקייט אין פלייצע:

— אסור, אף א האר דו זאלסט זיך האבן געביטן. דער זעלבער יאסל, וואס אין דער היים. בנאמנות, הערסטו, ביסטו א וואוילער יאט.

יאסל האט זיך געפילט אין א פארלעגנהייט פון זיין חברס שבחים און ווי פאר זיך געטענהט:

— דער רוח ווייסט עס. זיך גיין זארגן, באשר, ריווקינד פארט אפ, ווייל דאס משוגעת טראגט אים ערגיץ... מילא, געזונטערהייט און פארטיק!

ריווקינד האט צונויפגעצויגן די ברעמען, לאנג געטראכט אף יעדןווארט, גלייך ווי ס׳וואלט אים געווען א שאד עס ארויסצולאזן פון מויל, און קוים ארויסגעשטאמלט:

— הערסט, כ׳וועל מיך צוריקקערן, נאר ניט פריער, ווי אין א יאר ארום. כ׳וועל דערפאר מיטברענגען מיט זיך א זאך, וואס וועט האבן דעם ווערט פון אונדזער אלעמענס צעשיידט זיין. טאקע בלויז צוליב דער זאך פאר איך עס איצט.

א שניידנדיקער קוויטש, ווי דאס רעווען פון א פארוואונדעטער חיה, האט זיי אנגעזאגט דאס אנקומען פון צוג און א ריס געטון פון זייערע ערטער.

אויסמישנדיק זיך אינצווישן דער זשומענדיקער מאסע פאסאזשירן, וואס האט פלוצלינג אנגעפילט די פלאטפארם, האט ריווקינד דערפילט דעם צאפלדיקן אומרו און לייכטע צעשטרייטקייט, וואס קלעפט זיך צו צו יעדן אפרייזנדן, באם אנקום פון דער באן.

פון די וואגאנען האט זיך א שאט געטון א פרעמדער עולם מיט געפעק און וואליזעס, שטעלנדיק האלב־וואקלענדיקע טריט, ניט זיכערע, ווי איינער, וואס גייט ס׳ערשטע מאל אף אייז. ער האט מיט בענקשאפט געקוקט אף דעם סאפנדיקן לאקאמאטיוו, געזען, ווי ער שפייט פון זיך ארוים דאס לעצטע ביסל חיות, און געהאט דעם איינדרוק, אז ער האט צו טאן מיט א חולה מסוכן.

די צוויי חברים האבן דערווייל פאר אים אויסגעזוכט א באקוועמען ארט, צוגעאיילט ארייניצוגיין אין וואגאן און שטיין געבליבן באם אפענעם פענסטער, כדי צו כאפן א לעצטן שמועס.

— דער עיקר, זאלסט נאָר ניט בענקען — האָט אים געגעבן צו פארשטיין דער לערער. — בענקשאפט איז זארג, און זארג פירט איבער דעם מענטשן, — האט ער געפרואווט פילאזאפירן.

ריווקינד האָט געהערט, אז מ׳רעדט צו אים און כמעט גארניט פארשטאנען. ער האט געקוקט אף די הימל ראנדן, וואס פארלירן זיך אין די ווייטע פעלדער, געזען, ווי א געל־קופערנע רויטקייט קריכט אראפ פון פארנאכטיקן הימל, שלאגט אפ אף אלעמענס פנימער מיט א ליימיקן קאליר — און א מאדנע הילפסלאזיקייט איז אים באפאלן.

דאס פלוצימדיקע אוועקפארן זיינס אין דער פרעמד, איז אים אויסגעקומען ערשט דא אין וואגאן משוגהדיק זינלאז.

דער ציל, וואס ער האָט זיך לכתחילה אוועקגעשטעלט, האָט פאַר אים פארבייגעשוועבט און איז געווען, אזוי מטושטשדיק און ניט קלאר, אז ווען עמיצער וואלט אים געהייסן איצט פארלאזן דעם באן און זיך אומקערן אין שטאט, וואלט ער אן מינדסטן ווידערשטאנד געפאלגט. דער אוונט האט זיך

דערווייל געגאַנגוועט פון אונטער די פּלייצעס. געשלונגען שטיקער בין־השמ־
שות און באַהעפט זיי צו דער שוואַרצער ערד. מיטאַמאָל איז אים געקומען
אויפן זינען יענע גילגאָלדענע פאַרנאַכטן, ווען ער פלעגט צוזאַמען מיט זיין
געאַרעמטער געליבטער באַגלייטן די זון, וואָס האָט זיך געדרוקט אונטער די
דעכער, צו איר שקיעה, — און דער נאָענדער צער איז אים אויסגעקומען
פאַרשטענדלעך.

— הייסט עס, פאַר איך בלויז דערפאַר, ווייל איך וועל געדרופּט פון
אן אומרו, צוליב אָפּגעגאַרטער ליבע? און דער ציל, וועלכן כ׳האָב באַשלאָסן,
איז געווען בלויז אן איינרייידעניש?

וועט ער קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן? הייסט עס — — — —

דריי מאָל האָט א גלאָק טעמפּ געקלונגען. די רעדער האָבן זיך א קייקל
געטון. ער האָט דערפילט וואַרימע האַנטדרוקן, און עטלעכע אָפּגעריסענע
ווערטער האָט אים דער ווינט געבראַכט א מתנה: פאַרגעס ניט, צו שרייבן...
באַלד... א בריוו...

א טונקלקייט האָט אנגעפילט דעם וואַגאָן. די פּאַסאַזשירן זיינען גע־
זעסן שטיל שווייגנדיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אַבלים און געקוקט
פאַר זיך מיט אן עקשנותדיקער פרעמדקייט.

ריווקינדן איז געפעלן געוואָרן דער חשך און טיף אין האַרצן האָט ער
געבעטן ער זאָל לאַנג אַזוי אנהאַלטן...

ער האָט דערפילט א מאָדנעם חלל אין זיך. א שטילע בענקשאַפט, וואָס
בלויז א צערטלעכע פרוי קען עס אנפילן מיט פרייד. — נו, און ער האָט
איר שוין פאַרלאָרן... זי האָט דאָרט מיט א חודש צוריק חתונה געהאַט מיט
אן אנדערן... האָט אים געוויייטיקט א געדאַנק...

דער ציל פון זיין פאָרן האָט אים אויסגעוויזן איצט ווי א גרויסער
חלום, וואָס קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן.

— כ׳קלייב מיר אוועקצופאָרן אין א ווייט שטעטעלע, כדי אנצושריי־
בן א ראָמאַן פון מיין ליבע, א מין נקמה פאַר איר פאַרראַט. זאָל זי הייסט
עס, ניט מיינען, אַז איך בין א ליאַדע וועלע, עפּעס א שלימזל — האָט ער
זיך געחזרט מיט א האַלבן קול זיין פריערדיקן באַשלוס.

נו, רעכט אזוי. איז עס אבער דורכפירבאר? איז עס דען פאר מיינע כוחות?

ער האט דערזען אין שויב זיין מאטן אפשיין פון פנים און געהאט אן איינדרוק, ווי א מענטש וויל אויפהויבן א שווערע משא און וועגט זיך אליין פריער אפּ אף א וואג.

דער ראשיקער אנקום פון קאנדוקטאר און דאס העלע עלעקטרישע ליכט, וואס די אנגעצונדענע לאמפּן האבן דורך די שאטקעס פארשפּרייט האבן אים אויפגעוועקט פון די טראכטענישן און געלאזט פילן דעם מיט אימפּעט לויפנדיקן באן.

ריווקינד האט זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ־ארט, אפּגעווישט מיט דער האנט די פארטויאיקטע שויב און ארויסגעקוקט אין דרויסן.

ער האט געזען, ווי עפּעס א גערדיכטע פינסטערניש לויערט אף די פעלדער, גלאצט פון ערגיץ מיט א בליענדן אויג. האט ער זיך דערשראקן צו־ריקגעצויגן. פונסניי זיך אוועקגעזעצט אויסדרייענדיק דעם קאפּ פון פענס־טער, גלייך דארטן וואלט געשטאנען א ניט גוטער.

אט דא, בא דער קאלטער שויב פון א פרעמדן באן, איבער אומהיימ־לעכע פעלדער, פון וועלכע ס׳האט געיאגט א נאכטיקע, ביטערע קעלט, האט ער געפּרואווט פאר זיך אליין מאכן א קורצן סך־הכל פון זיין ביז אהעריקן לעבן.

ער האט זיך געזען פון זיין פריסטער יוגנט אָן אן אומרואיקן און פאר־טרוימטן. עפּעס א מאדנער אומרו האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט פון זינט ער געדענקט און לאָזט אים ניט אָפּ.

שטענדיק האָט אים געצויגן דאס ווייטע, דאס אומבאקאנטע, דאס ניט פאראנענע. ס׳האט זיך אים געוואלט אייביק וואנדערן, פארן פון שטאט צו שטאט, דערקענען דאס לעבן און געפינען א ציל.

ר׳האָט באטראכט די סביבה זיינע און זיך פארוואונדערט זעענדיק, ווי שוואך די מענטשן זיינען און ווי ווייניק פון זיי האָבן אן אייגענעם ווילן.

אלע גייען זיי איבער אויסגעטראָטענע וועגן, זיינען ווייניק ריזיקאליש, און באנוגענען זיך מיט דאס מעגלעך דערגרייכבארע.

דאס גרעסטע, וואס איז פאראן אין מענטשן, האָט ער געדרונגען, איז: ווילן. ס'איז דאָך קלאָר: ווייל איך — לעב איך, עקזיסטיר איך, פארנעם איך אַן אָרט אין ארומיקן לעבן, ווייל איך ניט, קען איך מיט איינמאל איבעררייסן דאס טראגיקאָמישע, וואס מענטשן האָבן א נאָמען געגעבן: „קאמף פארן דאזיין".

אבער חוץ דעם געוויינלעכן ווילן, איז פאראן נאָך אַ ווילן, א דראנג זיך ארויסצוהויבן, צו זיין אנקעגנטיק, צו לאזן פילן דאס ארומיקע, אז איך בין דאָ, אז איך עקזיסטיר.

— מען דארף האָבן אהוצן אייזן־פעסטן „ווילן", א עקשנותדיקן אויסדויער און אַ ציל, דעמאלט קען מען אלץ דערגרייכן — פלעגט ער צו זיך שעפּטשען אין די שלאָפלאזע נעכט.

ער האָט זיך געזען, ווי שוואך פיזיש ער איז, ווי זיין נעבעכדיקער גוף האלט זיך קאָמיש אף זיינע דאַרע, הויכע פיס און האָט מיט צאָרן געביילט אנטקעגן זיך א פויסט.

דערשלאָגן פון זיין נמאוסער פיזיאָגנאָמיע, דערנידעריקט דורך טאַטישער ארימער קרעמערישקייט, באעוולט פון פריידיקן לעבן, פלעגט ער זיין טרייסט געפינען אין לעבן פון אנדערע, אין העלדן פון ביכער. ס'פלעגט זיך אים דוכטן, אז ער וואלט דאס אויך געקענט זיין, ווען ער זאל נאר וועלן.

קיין ציל האָט ער נאָך ניט געהאט. ער האָט געבלאָנדזשעט איבערן לעבנס־וועג, ווי איינער, וועמען, מ'האָט פארבונדן די אויגן, נאר דורך די נשמה־ראנגלעניש און שלאפלאזע נאכטיקע יסורים, האָט זיך בא אים אויסגעשמידט אַן אייזערנער ווילן.

דעמאלט האָט ער זיך באקענט מיט א דארפישער ארימער מיידל. אַן אומוויסנדע און זיך אין איר פארליבט.

אירע שטילע, ברוינע, פארחלומטע אויגן, האָבן אים געבונדן ווי מיט א נעץ. שטאָלץ און איינער אליין האָט ער געקעמפט מיט דער ארומיקער, שטעטלדיקער סביבה, וועלכע האָט אפגעהוזקט פון זיין געליבטער. ער האָט זיך פון אלעמען אפגעקערט און באצאלט מיט פאראכטונג. און אז שפּעטער האָט מען זיין מיידל ארייננגענומען אין דער געזעלשאפט, ווי א גלייכבאַ־

רעכטיקטן מיטגליד, האָט ער געשמייכלט איבער זיין ערשטן טריאומפירנ־דיקן „ווילן".

דאָס מיידל האָט אים צום אנהויב ניט פארשטאַנען. ער האָט איר דער־ציילט וועגן זיינע געדאנקען, אומעט און אָן אחיזהדיקייט אין לעבן. זי האָט געפילט זיין אומעט און געזוכט אים צו טרייסטן.

שפּעטער איז ער געווארן איר לערער און דערציער.

זי האָט אים שטארק ליב געקראָגן.

זייערע נשמות זיינען פארוועבט געווארן אין איינע און די זעלבע אי־דייען, פארבאריקאדירט זיך פאר דער פרעמדער וועלט, ווי וועלנדיק אויס־מיידן די שרעק פון איינזאמקייט.

געדוכט האָט זיך אים, אז זיי וועלן זיך שוין קיינמאל ניט קענען צע־שיידן, ווייל זיי וועלן ניט קענען לעבן ווי צוויי באזונדערע טיילן.

א פּאָר יאר נאָכאנאנד איז ער געווארן אפּגעריסן פון דער היים.

ר'איז אוועק אין דער פרעמד, זי האָט ביטער געוויינט, גלייך זי וואלט געפילט, אז די רייזע דארף עס אנטשיידן זייער גורל.

צוריקקומענדיק האָט ער איר ניט דערקענט. זי איז געווען ארומגע־רינגלט פון א סאך פארערער.

עפּעס א רייכער בחור, וואס האָט זיך געווארפן מיט געלט, האָט גע־דארפט אינגיכן ווערן איר חתן.

ער האָט געפּרואווט רעדן מיט איר, געמיינט זי וועט צוריקקומען.

זי איז געווען גאר אַן אַנדערע.

אָט דעמאלט איז בא אים געבוירן געווארן דער געדאנק פון נקמה.

— „ווארט אויס, האָט ער אויפגעהויבן א ניט געזעענע פויסט, כ'וועל פאר אלעמען דיין שאנד ווייזן, טויזנטער וואסערן וועלן איר ניט ריינ־וואשן".

א צעווייטיקטער, מיט צעשטערטע און צערונענע חלומות, און אנ־טוישטער אין מענטשישער ערלעכקייט איז ער אוועק באלד נאָכדעם אין דער וועלט...

ריווקינד איז געווען אזוי פארזונקען אין זיינע איבערלעבענישן, דאס

שפּעטער, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַרומגעקוקט איבערן וואַגאָן, האָט ער אים ניט דערקענט.

פון די פריערדיקע פּאַסאַזשירן זיינען פאַרבליבן בלויז עטלעכע. די איבעריקע זיינען געווען דאָרפס־לייט, וועלכע זיינען אַרויפגעשטיגן אין מיטן וועג, פון די קליינע סטאַנציעס.

ריוווקינד האָט זיי גענומען באַטראַכטן מיט אַ מאָדנער נייגעריקייט. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַזעלכע טיפּן.

ער האָט זיך אַ סאַך אָנגעהערט דערציילן פון די גאָוטשן, ס'אַראַ ווילדן לעבן זיי פירן, ווי משונהדיק זיי קליידן זיך, נאָר געדוכט האָט זיך אים, אַז ס'איז ניט אמת, אַז דאָס איז אויסגעטראַכט, ווייל מענטשן האָבן דאָך בטבע ליב דאָס ניט געוויינלעכע...

איצט האָט ער זיי געהאַט פאַר זיך.

שוואַרצע אָפּגעברענטע פּנימער, פאַרהאַרטעוועטע פון די ווינטן, מיט בליקן אַזעלכע עקשנותדיקע און אָפּט שמייכלענדיקע, דאָס מען ווייס ניט, צי איז זייער באַזיצער אַ גזלן אָדער אַ קינד.

אָנגעטון אין סאַמעטענע רעקלעך, מיט וועלכע ציגיינער און קאַטאַ־רינשטשיקעס באַנוצן זיך אַממייסטן, און ברייטע, שוין צו ברייטע אפילו פאַר אַ קאָזאַק הויזן, האָבן זיי געמאַכט אַן איינדרוק, גלייך זיי וואָלטן פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

אַרומגעהילטע אין טיכער, מיט וועלכע פּוילישע פּויערטעס באַשיצן זיך פון פראָסט און רעגן און אַרויסגעהויבענע בענדלעך פון זייערע שוואַר־צע קאַפּעליושן, ווי וועלנדיק דערמיט באַווייזן, אַז זיי גייען אַרויס פון קריגס צושטאַנד, האָבן זיי געשמועסט הויך אויף קול פון נאָנטן יריד, פעלד און סקאָט.

עמיצער האָט גענומען שפּילן אויף אַ גיטאַרע אַ גאַר אומעטיקן, צעצויגענעם ניגון. דער וואַגאָן האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך פאַרטראַכט צוגעהערט.

ס'האָט זיך באַלד נאָכדעם אַ ריר געטון, גלייך ווי אַ ווינט וואָלט פאַרבייגעשוועבט איבער גאָלדיקע זאַנגען.

פלעשער ווייַן האָבן זיך באַוויזן און לאַנגע מעסערס, ווי בלאַנקענדיקע

שווערדן, פון די באליעוועס ארויסגעצויגענע, האָבן גענומען שניידן היימישן, גראבן קעז און ברויט.

דערנאָך האָבן זיך עטלעכע מאטעס באוויזן, איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, ביז וואנען איינע האָט צו אים אויך דערגרייכט. א באוואקסענער מיטל־יאריקער פויער מיט א האָריקן פוזעוואטן קאפּ, האָט אים וועלפּיש ארייננעלאכט מיט די טונקל־גראָע אויגן און דערלאנגט אלץ מיט אמאָל: א גלאז וויין, א שטיק ברויט מיט קעז און א קאָכעדיקע מאטע.

— אָט אזוי זיינען זיי די ארגענטינישע זין, האָט ריווקינד פארוואונדערט געטראכט און פון גרויס צעטומלטקייט פארגעסן צו דאנקען.

די שטיינערנע בערג האָבן זיך שוין געגרייט אין באגינען, ווען ריווקינד האָט ארויסגעבליקט א פארשמאכטער אין דרויסן.

אייליק האָט זיך געקייקלט דער צוג, געדראפּעט בארג ארויף, בארג אראָפּ, איבער א אומעטיקער לאנדשאפט און ליידיקע פעלדער, וואס האָבן אויסגעזען ווי אפּגעגאלטע ארעסטאנטישע קעפּ.

דורכן אויפגעעפנטן פענסטער, האָט ארייננעבלאזן א קאלט חוצפּהדיק ווינטל, וואס איז פארלאָפן דער זון אין וועג.

דערנאָך האָט זיך פּלוצלונג אלץ געביטן, ווי אף א קינעמאטאגראפישן לייוונט.

אף גרינע הויך־גראזיקע פעלדער האָבן זיך פויל געפּאשעט טאבונען פערד.

בארוויסע פאסטוכער, מיט א האלב ווילדן אויסזען, האָבן נייגעריק נאָכגעקוקט דעם לויפנדיקן באן און זייערע הינט האָבן בשום אופן זיך ניט געקענט איינהאלטן פון אומזיסטער האווקעריי.

אלץ אפטער האָבן פארשלאפענע קולות פון קאנדוקטארן אויסגערופן באקאנטע נעמען פון סטאנציעס.

דער וואגאָן האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעליידיקט. נאָר ער, ריווקינד, איז אלץ פארבליבן.

זיינע מידע אויגן האָבן זיך געקלעפּט. געחלומט פון א ווייכן געלעגער, און א מאָדנער צער איז געלעגן אויסגעגאסן איבער זיין בלייכן פּנים,

פֿון עפּעס אומאנגענעמעס, וואס דאַרף און מוז געשען. אַף איין סטאנציע איז אריינגעקומען אין וואַגאָן א צעקנייטשטע ארימע בייגל פּארקויפערן.

ריווקינד האָט איר געגעבן א מטבע און זיך שטארק געחידושט, זעענדיק וויפל בייגל די פּארקויפערין האָט ארויפגעלייגט אַף זיין באנק. ר'האָט געפּרואווט עסן, אראָפּגעשלינגען עטלעכע ביסנס, נאָר באלד איז אין האלדז ענג געווארן, פֿון פארשטיקטן געוויין, וואס האָט זיך פון אים א גאנצע נאכט געריסן און מיט כעס האָט ער די בייגל געשליידערט דורכן פענסטער.

און מער האָט ער שוין גאר ניט געוואלט טראכטן. ר'האָט זיך אָנגעלייגט אפן פּאָרענטש פון באנק און געווארט אפן אָנקום פון יענער ווייט־ווייטער שטעטל.

דער צוג איז מיט אימפּעט שטיין געבליבן און דערנאָך זיך ווידער א טרייסל געטון. א גלייכגילטיקער קול פון מידן קאנדוקטאר האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון דער סטאנציע.

א מאָדנער שמייכל האָט זיך באוויזן אַף ריווקינדס פּנים.

— נו יאָ, האָט ער געטראכט, הייסט עס בין איך טאקע פארפארן, ר'האָט גענומען זיינע זאכן און ארויס האלב וואקלענדיק פון וואַגאָן. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען דעם בריוו, איבערגעלייענט הויך דעם אדרעס און זיך פאנאנדערגעגעניצט.

אין א האלבער שעה ארום איז ער פארפארן צום אָנגעוויזענעם אָרט.

אין עק פון א שמאָלער זאמדיקער געסל איז געשטאנען, אן אלטע הילצערנע שטוב. דארט איז עס — האָט אים פארזיכערט דער פורמאן.

ריווקינד האָט אָנגעקלאפּט אין טיר. ניט באקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער די טיר פּאמעלעך אויפגעעפנט און זיך געלאזט גיין ווייטער.

אין דער ברודיקער פאדער־הויז האָט זיך ארומגעדרייט א טויב־שטומע ווייבל מיט אן אויסזען פון א משוגענער.

זי האָט מאָדנע געשאקלט מיטן קאָפּ, ארויסגעגעבן א משונהדיקן קלאנג, ווי א כארכלענדיקע גאנז און איז אוועק רופן עמיצן פון א זייטיקן חדר.

די באַלעבאַסטע, אַ אָנגעבלאָזענע, גוידערדיקע אידענע, האָט זיך באַלד באַוויזן אױפֿן שוועל פֿון אַנטקעגנאיבער.

— יאָ, יאָ, האָט זי זיך אָנגערופֿן מיט אַ בעסאַראַבער אידיש, מיר וואַרטן אײַך שוין אַזױ לאַנג אָפּ. קומט אַרײַן ווײַטער. מײַן מאַן וועט מסתּמא באַלד אָנקומען.

ריווקינד האָט געקוקט אױף דער אידענע, ניט פֿאַרשטאַנענדיק וואָס זי רעדט צו אים און בשעת מעשה געטראַכט. הייסט עס, ס'איז ניט אומזיסט געווען מײַן מורא אין וואַגאָן, אױפֿן גאַנצן וועג.

— נו איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן, אַלצדינג פֿאַרפֿאַלן, — איז אים אַ קעלט אַדורך איבער די ביינער.

דער ברודיקער שוויים איז אים אַראָפּגערונען אין גרױסע טראָפּנס, געשטאָכן דאָס לײַב ווי זלידנע פֿליגן.

— כ'וועל אפֿשר קענען דאָ זיך אַרומוואַשן, — האָט ער זיך דער־פֿרייט, וואָס ענדלעך וועט ער עפּעס קענען זאָגן.

די טויב־שטומע, האָט אים דערלאַנגט אַן אַלטע, אָפּגעריבענע שיסל מיט אַ קויטיקער קוואָרט.

דער קאַלטער שטראָם וואַסער, האָט אים אָפּגעפֿרישט און לײַכטער געמאַכט. איצט האָט ער געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון: ער וועט גיין אױס־זוכן דעם באַלעבאָס מיטן אַרטיקן לערער, אױף וועמענס פֿלאַץ ער דאַרף אָנקומען.

באַם אַרױסגיין האָבן אים אָפּגעוואַרט עטלעכע באָרוועסע אינגלעך און מיט פֿרייד אים געלאַכט אין פּנים: דער נייער לערער, דער נייער לערער...
ריווקינד האָט אױף זיי געקוקט מיט אַן אַ שיר ליבשאַפֿט, און זיך געפֿילט לגבי די קליינוואַרג שטאַרק שולדיק.

פֿונמיטן רעדל האָט זיך אַרױסגעשטעלט אַן פֿיעגעוואַגטער אינגל מיט אַ נאַסער, פֿאַרריסענער נאָז און אױף גיך, פּונקט ווי שלינגענדיק עפּעס אַ זאַך, געמאָלדן זײַן גרייטקייט, אױב דער לערער וויל, קען ער אים צופֿירן צום טאַטן.

— אָט דארט, האָט ער מיטן האנט אָנגעוויזן אױף א שטויביקן וועג, גייט דער טאטע מיינער מיט אונדזער לערער.

ס׳איז געווען מיטיק־צייט. די זון, ווי א צעגליטער קעסל, האָט געבריט דעם פנים, שימערירט אפן שניי־ווייסן, דינעם זאמד און פארכאפּט דעם אָטעם.

ריווקינד האָט שנעל געשפּרייזט, געוואלט זיך אויסגלייכן מיטן בארוויסן אינגל און ניט געקענט.

פונדערווייטנס האָבן זיך געזען צוויי שווארצע פּינטלעך.

— אָט דארט גייען זיי — האָט דער אינגל זיך דערפרייט און א פּינטל געטון צו ריווקינדן מיט אַ פּאָר שווארצע אויגן.

וואס א רגע זיינען די פּינטלעך אלץ גרעסער געווארן, ביז זיי זיינען אויסגעוואקסן אין צוויי געשטאלטן.

— טאטע, טאטע, האָט זיך דער אינגל ניט געקענט מער באהערשן און איז אנטקעגנגעלאפן אנזאָגן דעם פאָטער, אז דער נייער לערער איז שוין דאָ.

— שלום עליכם, א איד, וואס מאַכט מען? האָט אים באלד דעם אינגלס פאָטער, א בלאנדער יונגערמאַן מיט א געל ציגן־בערדל, ארײַנגעשטעקט א פארשוויצטע האנט.

ווען זענט איר עם געקומען? האָט ער מעכאניש ווייטער גערעדט, און אָנווייזנדיק אױף זיין מיטגייער, א געזונטן בחור מיט א פּאָר פלאם פייערדיקע באקן, האָט ער צוגעגעבן: אָט גיי איך מיט אונדזער לערער פון וואקזאל, מיר האָבן באקומען אייער טעלעגראמע און אייך געגאנגען אפּוואַרטן.

— נו, מילא,—האָט ריווקינד געשמייכלט,—איר האָט פארשפּעטיקט אַ פּאָר שעה. דער באן איז אָנגעקומען פּונקט צען.

— איך האָב די ערע מיט אייך זיך צו באקענען, האָט אים דער געזונטער בחור געזאגט מיט א ווייכן קול און דערלאנגט א פּוכקע האנט, וואס האָט קאָמיש אויסגעזען לגבי זיין ברייט־ביינערדיקן צעוואקסענעם גוף. מיין נאָמען איז מרגלית.

דער בלאָנדער יונגערמאן, האָט ווידער דער ערשטער איבערגעריסן די שטילשווייגעניש.

— אָ, האָט איר אונדז געלאָזט לאַנג וואַרטן אַף אייך — האָט ער זיך געווענדעט צו ריווקינדן. מיר קוקן אייך שוין אויס צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד.

ריווקינד איז טרויעריק געוואָרן. — כ׳האָב מיר ניט געקענט דעצידירן, האָט ער שטיל געזאָגט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן — כ׳האָב :זלץ געהאַלטן אין איין אָפּלייגן. נו, ביז וואַנען כ׳בין געקומען.

דער לערער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן, העל־געקאַלכטן צימער און געגעבן צו פאַרשטיין:

— אָט דאָס איז די שול.

לענג אויס דעם צימער, האָט זיך געצויגן אַ ברוינער, שמאָלער טיש, ערטערווייז צעקראַצט און אָפּגעריבן.

עטלעכע פאַרשטויבטע, אָפּגעבליאַקעוועטע בילדלעך פון אידישע שרייבער, זיינען געהאָנגען אַף די ווענט, און אינדערמיט אַ גרויסער, פאַפירענער, קאַלירטער אלף בית, זאַרגהאַפטיק אַרויפגעקלעפּט אַף אַ האַרטן טאָוול.

זעענדיק דעם אומעט, וואָס האָט כמורנע אַרויסגעקוקט פון ריווקינדס אויגן, האָט ער אַף גיך גענומען ריידן, ווי וועלנדיק אים טרייסטן:

— גלויבט מיר, ווען ס׳זאָל זיך ניט מאַכן קיין סיבה, וואָלט איך מיר פון דאַנען ניט גערירט. מען קען דאָ לעבן רואיק און צופרידן. ער האָט געקלאַפּט מעשה גוטער ברודער ריווקינדן אין פּלייצע און איינגעטענהט: ס׳וועט אייך דאָ זיין גוט, בנאמנות די אַרבעט אין שול איז אַ גרינגע. עטלעבע לעקציעס וועט איר צוקריגן פון דער זייט.

פאַראַן דאָ אַביסל ביכער אויך צו לייענען — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַ גלעזערנעם שאַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל.

— אירט לאַכן פון מיר — האָט זיך ריווקינד שטיל אָפּגערופן. כ׳וויל צוריקפאָרן אין שטאָט. כ׳פיל אין מיר, אַז כ׳וועל מיר דאָ ניט דערהאַלטן, בשום אופן נישט.

דער לערער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און פון גרויס שרעק גענומען פינטלען מיט די אויגן אַף אַלע זייטן.

— משוגע מיינע שונאים. איר זענט דאָך היינט געקומען צופאָרן.

— אָט אין דעם גייט עס, וואס איר און אויך אנדערע וועלן מיר ניט פארשטיין, — האָט ריווקינד זיך אביסל פארלארן. איך אליין. פארשטיי מיר אבער גוט. דאס איז שוין גענוג פאר מיר. נו, ווי זאל איך אייך זאגן, איך האב א טעות געהאט. נאָך זיצנדיק אפן באַן האב איך מיין טעות דערקענט, ס׳איז אבער געווען צו שפעט...

ביידע זיינען געשטאנען מיט אפגעקערטע בליקן און געקוקט אפן אנקומענדיקן אוונט. א פרעמדע שטילשווייגעניש האָט אומהיימלעך געבלאָזן איבער ריווקינדס פנים, דערמאנט אים, אז ער פארטרויט זיך א ווילד פרעמדן מענטשן. מאכט זיך פאר אים קליין און נעבעכדיק און זיך שטארק פארשעמט.

— קומט אביסל ארויס אין דרויסן, — האָט ער זיך, ווי געבעטן באם לערער. דער קאָפּ טוט מיר וויי.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען.

ס׳איז שוין געווען האלב פינסטערלעך. די אפגעקילטע ערד האָט געשמעקט מיט קואישע פריש־געמאלקענע מילך און פייכטן טויאיקן גראז.

פאר די בריקלעך פון די קליינע שטיבער זיינען געווען געמיטלעך אויסגעזעצט משפחות און זיך געגרייט עסן אוונט־ברויט. אף א ליידיק, פארלאזט שטיקל פלאץ האָט זיך אף רעכט פאנאנדערגעפלאקערט א פוטבאל־מאַטש. א כאָפּטע אינגלעך האָט דארט געליארעמט מיט שרעקלעכע קולות איבער א פארשפילטן גאָל. פונדערווייטנס האָט זיי א פינקל געטון א העל באלויכטענער שילד פון א קאפע־הויז. זיי זיינען אהין אריינגעגאנגען.

ריווקינד האָט דורשטיק געטרונקען פון טעפעלע שווארצע קאַווע, געהאט אן איינדרוק, אז ער זיצט אין זיין היימישער שטאָטישער קאַפע און באקומען מער מוט.

— איר, חבר מרגלית, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין שכן — נעמט אָן, אז איך בין אהער געקומען פארדינען געלט. ס׳איז דאך גאנץ פארשטענדלעך. צו וואס דען זאל קומען א גרויסשטאָטישער, לערנען אין א ווייט־פארווארפענער סטאנציע?

בא מיר איז געשען אבער דאס פארקערטע. כ׳האָב אוועקגעווארפן א

גוטן פאסטן, אפגעזאגט לעקציעס, פארלאזט א היימישע סביבה, גלענצנדיקע פערספעקטיוון און אלץ כדי צו זיין „צופרידן"...

דער לערער, וואס איז געזעסן אנטקעגנאיבער, האָט פון גרויס איבער־ראשונג אויפגעהערט צו מישן די שוין פון לאנג זיסע קאווע און אָנגע־שטעלט אזעלכע מאָדנע, איבערגעשראקענע אויגן אף ריווקינדן, ווי ער וואלט מיט איינמאל געוואלט דערגיין: איז יענער חסר־דעה, צי וואס?

ריווקינד האָט געזען, ווי דער לערער גלויבט אים ניט, און ניט גע־וואוסט, וואס אנצוהויבן רעדן.

— פארפאלן — האָט ער נאָך א פּאָר מינוט שטילשווייגעניש, ווייטער אָנגעהויבן. כ'ווייס ניט, ווי אזוי אייך איבערצייגן אין מיין אויפריכ־טיקייט. זאל איך מיר שווערן, צלמען? איר'ט מיך אלצאיינס אָננעמען, אז איך רעד פון היץ. נאר איך וועל טון דאס מייניקע. כ'וועל אלץ דערציילן, אָט סתם אזוי, כדי זיך ארויסרעדן פון הארץ.

...אוודאי, אן אַנדערער אף מיין אָרט, וואלט זיינע יארן אפּגעזעסן אין יענער שטאָט און ווי א שטיין דארט איינגעוואקסן. איך בין אבער פון גע־בוירן אָן א ניט צופרידענער.

אפט גלויב איך יענע מדבר־וואנדערער, וואס זאגן, אז יעדער מענטש האָט זיך זיין שטערן. מיינעם וואלט איך א נאָמען געגעבן: „דער ניט צו־פרידענער". איך בין אכזריותדיק צו מיין לעבן. איך פארלאנג דאס אוממעג־לעכע, דאס אומדערגרייכבארע.

איך בין אין דער גרויסער שטאָט בסך־הכל אפּגעווען א האלב־יאר. באקומען א פּאָסטן אין א שול, געהאט עטלעכע רייכע לעקציעס און מיט־געארבעט אין א רעדאקציע.

וואך־וועכנטלעך, האָבן זיך דארט געדרוקט מיינע ארטיקלען און דער־ציילונגען. מענטשן האָבן מיר מקנא געווען, געחנפעט זיך צו מיר, נאָר איך האב ביטער געשמייכלט, אהיימקומענדיק מיט די פרישע צאפּלדיקע בויגנס פון רעדאקציע, פלעג איך פיבערהאפט איבערלייענען מיין אפּגעדרוקטן נאָמען און געפילט א שטיק צופרידנהייט.

— אָט מארגן, — האָב איך געטראכט, — ווען מיר הונדערטער

מענטשן לייענען און זיך ווילנדיק, ניט ווילנדיק אנשטויסן, אז אזא איינער לעבט אף דער וועלט, לעבט און ליידט.

אבער מיין פרייד פלעגט לאנג נישט דויערן.

איבערקוקנדיק נאָכאמאָל דאס געדרוקטע, פלעגט מיך באפאלן א עקל און א אָנמאכט:

— אָט דאָס האָסטו אלץ געשריבן? — פלעג איך מיך שטייענדיק פארן שפיגל קנייפּן די באקן ביז ווייטיק. — דו ווילסט עס לערנען די מענטשן, שכל, דערציילן פון אן אַנדער לעבן? דו, אייזל־קאָפּ, דו ? ? ?

כ'פלעג דעמאָלט מיינען אף אן אמת, אז איך גיי אראָפּ פון זינען. צוקנייטשטע, צוקנאָדערטע, פלעגן זיך וואלגערן די פרישע, נאָר־וואָס געדרוקטע צייטונגען אונטער מיינע פיס און אויסהערן די געמיינסטע זלזולים.

און איינמאל האָט אויפגעשיינט אן אידעע אין מיין קאָפּ:

— כ'וועל מיר אויסזוכן א פאָסטן ערגעץ אין א ווייט שטעטעלע, ווייט פון גרויסשטאָטישן געטומל און גערויש, דארט וועל איך זיין ביחידות, זיך קענען קאָנצענטרירן, א סאך צייט האָבן, דארט וועל איך קענען אָנשרייבן א גרויס אומשטערבלעך ווערק, וואס וועט מיך מיטאמאָל א שטעל טון אף די פיס.

זינט דער געדאנק האָט זיך צו מיר דערנומען, האָב איך אף אלץ אָנגעהויבן אנדערש קוקן. כ'האָב מיט שנאה גענומען באטראכטן אלץ, וואס גזלט צו מיין טאָג.

— אָט זיי, די רויטע שדים, די טראַמווייען, נעמען מיר צו טאָג־טעגלעך אודאי צוויי שעה, די ברייטע, אספאלטענע גאסן, די שול־ארבעט, די געזעלשאפט. פאר מיר אליין צו שאפן בלייבט שוין גארנישט איבער. איז דאָך קלאָר, וועל איך מיך באפרייען פון די אלע שטערער, וועל איך ערשט קענען אָנהויבן צו שאפן עפּעס גרויסעס. מיין נאָך ניט געשאפן ווערק פלעגט דעמאלט ארויסשיינען ווי א הארבסטיקע זון דורך א נעץ פון געדיכטע וואלקנס, שמייכלען צו מיר, לאָקן און פארנארן.

כ'האָב קיינעם ניט געוואלט הערן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אז איך הער אין מיר אן אינערלעכן רוף, נאר אים דארף איך פאלגן, נאך אים מוז איך נאָכגיין. און ווייטער איז שוין אלץ פארגעקומען ווי אָן מיין איי־

גענעם ווילן. איך האָב אַלע בריקן אונטער מיר פאַרברענט. געקומען דאָ...

— און איצט? — האָט נייגעריק געפרעגט דער לערער.

ריווקינד האָט אים שאַרף דורכגעדרונגען מיט זיין בליק, געזען, אַז זיינע רייד האָבן געפונען אָן אָפּקלאַנג. אַ רגע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ זופּ געטון פון דער קאַלטער קאַווע און באַלד ווייטער גענומען רעדן.

—און איצט, פרעגט איר — האָט ער איבערגעחזרט דעם לערערס פראַגע — איצט איז בײַ מיר געשען אַ אינערלעכער קריזיס. כ'האָב פאַרלוירן דעם מוט און גלויבן אין זיך. כ'האָב דערזען, ווי נאַריש איך האָב געטראַכט. כ'האָב נאָך אָפּן באַן זיצנדיק איינגעזען, אַז כדי צו שאַפן עפּעס גרויסעס, מיט אַ שטאַרקן פאַרנעם, איז נישט גענוג אַ סאַך פרייַע צייט, אַ באַקוועמער צימער און רו. דאַרפישע רו. דערצו איז נויטיק עפּעס אַנדערש...

אַ גאַנצן וועג בין איך אַהער געפאָרן, ווי איינער וואָס חלומט פון זיין אייגענער לויה. אין דער פינסטערניש פון וואַגאָן, האָב איך געקריצט מיט די ציין און געקוקט מיט שרעק, ווי דער באַן דערווייטערט מיך פון די לייכטנדיקע שטאָטישע פייערן.

און קומענדיק דאָ אין שטעטל, האָט זיך מיין מורא אַרויסגעוויזן נאָך שטאַרקער. איך האָב עס פיינט דאָס קליינע שטעטל. איך אָטעם אין מיינע לונגען גרויסשטאָט. רויטע שדימשע טראַמווייען, פאַבריק קוימענס, גאַסן־מורקאַט זיינען געוואָרן מיינע געזאַנגען. מיינע בעסטע חברים. ס'איז געחען אַ טעות פון מיין זייט. איך קען מיר פון זיי ניט צעשיידן.

און אַריינפאַלנדיק דאָ אין שטעטל, אין דער ברענענדיקער נאָכמיטיק היץ, ווען אַלץ געניצט און מעלה־גרהט און די שטילע שטילקייט עסט זיך איין אין לייב, בויערט דורך דיינע אויערן, האָב איך באַגריפן, אַז די רו איז פאַר מיר אַ סם־המות, אַז דאָ וועל איך באמת פון זינען אַראָפּ.

— אָט זעט, האָט ריווקינד גענומען גיך ריידן, ווי וועלנדיק זיך באַפרייען פון דריקנדיקן צער, אָט קוקט אָן יענע גוידערדיקע ווייבער, ווי זיי זיצן פאַר די בריקלעך און רכילותן.

קוקט אָן די פולע אויסגעפּאַשעטע לבנה, ווי זי לאַנגווייליקט זיך אין דעם מאָנאָטאָנעם בלייכן הימל.

— ניין, ניין, — האָט ער העכער גענומען ריידן — גרויסשטאָטישקייט דאַרף מען פילן. מען דאַרף איר איינזאַפּן, דעמאָלט קען מען זיך מיט איר ניט שיידן.

דער לערער האָט געוואָלט עפּעס ריידן, נאָר ריוּוקינד האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט, און ווי זיך געבעטן ער זאָל אים לאָזן ענדיקן.

זעט איר, וואונדערט זיך ניט אויף מיינע רייד. איך בין אַן אמת קינד פון דער וועלט־מלחמה, אירע אַלע שרעקן האָב איך דורכגעלעבט. דאָס, וואָס גאַנצע דורות פריערדיקע האָבן ניט געחלומט, האָב איך עס מיט מיינע יונגע אויגן געזען.

צעהאַקטע מענטשן, צונגען, קאַליקעס, בלינדע, פאַרוואונדעטע, פאַרברענטע שטעט און דערפער, חרובע געגנטן, דאָס בעסטיאַלישע אין מענטש — אַלץ, אַלץ...

מיר, היינטיקע יונגע מענטשן האָבן באַקומען אַ ירושה: נערוון. מיר זיינען נערוועז און אָטעמען מיט נערות. דער טומל פון גרויס שטאָט, דאָס פייפן פון פאַבריקן, דאָס טראַסקערײַ און הודזשען פון די אויטאָמאָבילן קען אונדז באַרואיקן.

אייער אויסגעפּאַשעטע לבנה, וואָס לעבט פּאַראַזיטיש אין די הימלען, און קוקט אויס ראָמאַנטיקער זאָלן וועגן איר דיכטן, פאַרליבטע זאָלן באַ איר שיין סערענאַדעס זינגען, זי אינטערעסירט אונדז ניט. אין דער גרויסער שטאָט זעען מיר איר ניט אָן, מיר פאַרגעסן זיך צוליב די הויכע שטייענערנע מויערן אינגאַנצן אָן איר עקזיסטענץ. כאַ, כאַ, — האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט.

מיר מיינען אַמאָל, אַז מיר ווילן אין דאַרף רו געפינען אָפּן שוים פון דער נאַטור, אַ טעות. אין רו געפינען מיר דעם אומרו, אין אומרו די רו.

ס'איז שוין געווען שטאַרק שפּעט. דער קעלנער האָט אַראָפּגעדרייט איין עלעקטרישן לאָמפּ און געוואַרט זיי זאָלן אוועקגיין.ביידע האָבן זיך פויל און פּאַמעלעך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אין גאַס אַרויס. אַ גאַנצן וועג האָבן זיי קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

אפצומארגנס אין אוונט האָט אים אין שול אפגעוואַרט די גאנצע פארוואלטונג. זיי האָבן שוין געוואוסט דורכן לערער זיין באשלוס און געוואלט דערגיין די סיבה.

— זאגט, איז פאר אייך אפשר צו ווייניק דאס געהאלט — האָט א שווארץ בערדלדיקער עלטערער איד אים אריינגעשמייכלט מיט א פּאָר ברוינע תמימותדיקע אויגן.

— ניט דאס, ניט דאס — האָט זיך ריווקינד געפילט פארלוירן. אייער לערער האָב איך שוין אלץ דערציילט. מיט אייך וועל איך ריידן סוחריש. איר זיינט דאך כמעט אלע קוענטעניקעס. — האָט ער זיי שארף אנגעקוקט. — נו, מען מאכט אמאל א שלעכט געשעפט, איז האָט מען היזק און פארטיק. בא מיר איז אויך אזוי, כ'האָב מיך באנארישט, וועל איך דארפן ליידן. אייך וועט דאָך זיין אלצאיינס, וועל איך ניט זיין, וועט קומען אן אנדער לערער אף מיין אָרט. לערער פעלן נישט...

זיי זיינען געבליבן שטיין צעטומלט און ניט געוואוסט, ווי אים אפצורעדן. נאר איינער א בלייכער יונגערמאן האָט זיך געריסן פון אָרט, גרייט זיך צו שלאָגן. אויפהויבנדיק די האנט אין דער לופטן, האָט ער מיט איר בליץ־שנעל געפּאָכעט, ווי מיט א שווערד און אָנווייזנדיק אף ריווקינדן, האָט ער מיט כעס געשיפּעט: יאָט, קוקטס אים נאָר אָן... אזא אָנשיקעניש גאָר... פארדרייט דעם קאָפּ אַ פּאָר וואכן און איצט לאָזט ער אלעמען צום נאַר. כ'על אים, ווי איך בין א איד, אזוי באשרייבן אין די בלעטער, אז ער וועט פארזאגן א צענטן, דער דר...

ריווקינד האָט זיך שווייגנדיק געלאָזט צו דער טיר.

דער לערער האָט ריווקינדן אריינגעפירט צו זיין א באקאנט יונג פּאָרפאָלק. דער מאן, אן אויפגעקומענער קוענטעניק, מיט א פּאָר קליינע כיטרע אויגלעך, האָט מיט א הנאה געזופּט א מאטע און איבערגעקוקט טארכעטלעך. זיין שיין ווייבל, וואס איז געזעסן באַם עק טיש, איז געווען שטאַרק פארטון אין אויסהעפטן א מאָנאגראַם אף א שניי־ווייס ציכל, און זי האָט גארניט באמערקט די אריינקומענדיקע.

— א, וואס מאכט איר עפּעס, ה' מרגלית, — האָט זי אף גיך אוועקגע־

לייגט איר ארבעט און זיך פארענטפערט: אַט ווייבערשע מלאכות, מען זעט צומאל א מענטשן ניט...

דער לערער האָט פארגעשטעלט פארן פאַר־פאָלק ריווקינדן מיט די ווערטער: דאס איז מיינער א באקאנטער. געקומען נעכטן צופארן. זייט באקאנט.

דערנאָך איז אוועק א פוילער שמועס פון ענין צו ענין, ווי געוויינט־לעך. באם אוועקגיין האָט דער לערער זיך אנגערופן: אפשר וואלט איר דערלויבט מיין חבר צו נעכטיקן באַ אייך א פּאָר נעכט. ער איז שטאַרק מיד און דארף זיך אויסרוען. איר ווייסט דאך, כ׳שלאָף אין א שמאָל בעטל. מיר האָבן זיך יענע נאַכט — האָט ער געשמייכלט צו ריווקינדן — ביידע צעבראכן די ביינער.

דאס ווייבל האָט געקוקט אפן מאַן און ניט זיכער זיך אָנגערופן: — זיי וועלן באַ אונז קענען שלאפן, פאראן א ליידיק בעט אין צווייטן צימער. איאָ, אַדאָלפאָ?

דער מאן האָט געשאקלט מיטן קאפּ, ווי א איבערגעפרעסענער פערד.

ס׳איז שוין געווען נאָך האלבער נאכט. פון שכנותדיקן צימער האָט זיך געהערט דאס ריטמישע רואיקע כראָפּען פון מאַן און ווייב. ריווקינד האָט זיך אלע ווײלע איבערגעדרייט אין בעטל און געפילט, ווי די קאלדרע בריט אים דעם פּנים. ער האָט צוגערירט די האנט צו זיינע באקן און זיך דער־שראקן: זיי האָבן געגליט ווי אין פיבער. פארביי די אויגן האָבן דורכגע־שוועבט מאדנע פאנטאסטישע בילדער. ער האָט געזען זיך שטיין אף אן איינזאמען וועג און פון וויטן, באַרג ארויף, אַ גרויסע, ריזיקע שטאָט מיט ליכטיקע פייערן, ווינקט צו אים און רופט אים. ער האָט דורכגעדרונגען מיט זיין בליק אין דער ווייטקייט, געזען רויטע שילדן פון שרייענדיקע גע־שעפטן, פריידפולע קאפעען מיט שפּילנדיקע וויקטראלן, שורות לאנגע אוי־טאמאבילן און ווינקענדיקע עלעקטרישע רעקלאמעס פון די גרויסע רעדאק־ציעס און זיך געריסן מיט אלע כחות: איך גיי... איך גיי... האָט ער היים געשעפּטשעט ווי א תפלה. ער איז אומעכטיק אנידערגעפאלן אפן קישן, נאר דער שמייכל האָט אלץ גערוט אף זיינע ליפּן...

פאוסטינע

אינמיטן דער נאכט בין איך אראָפּ פון שיף מיט א לייכט פּעקל אונטערן אָרעם און א שווער געמיט אפן הארץ. אנטקעגן זיינען מיר אָנגעלאָפן שאפערן מיט צוגעגרייטע אויטאָמאָבילן און באשיט מיט העפלעכע איינלאדונגען: „מאסיטא, האסע פאוואָר"! ניט־וועלנדיק האָב איך צו זיך אליין גענומען שמייכלען.

— הע גוטער ברודער — טראכט איך זיך, ווען זיי ווייסן ערשט וואס באַ מיר אין קעשענע טוט זיך, אסור צי זיי וואלטן זיך אזוי פיל מטריח געווען... איך מאך זיך קוראזש, גיי צו צו איינעם פון די שאָפערן, וואס זיצט א טרויעריק־אנגעבלאָזענער באַם ראָד, און פרעג: „וואו וואוינט סאַלוואדאָר?" איך באקום גלייך א תשובה און לאָז זיך שפּאַנען איבער די גאסן, וואס פירן אין שטאָט אריין.

איך שטעל לאנגע שפּרייזן, און כדי צו פארקירצן דעם לאנגווייליקן וועג, נעם איך ציילן די הייזער, וואס געפינען זיך אין יעדער „קוואדרע" און געפין אויס, אז דאס איז א זעלטענער מיטל. שוין באלד א האלבער וועג אריבער און איך פיל נאָך גארניט קיין מידקייט.

עס ציען זיך פאר מיינע אויגן שורות־ווייז, קליינע, נידעריקע, אפגעווייסטע הייזער. מאדנע סטיל. ווייסע מויערלעך, רויטע משונהדיקע געביידעס, מיט און אָן געזימסן, אָרנאמענטן, אריינפארן און בא די זייטן: הוימער, בוימער.

די לאנגע, שטילע גאסן ציען זיך אזוי מאָנאָטאָן, אז עס ווילט זיך ברייט אן עפן טאָן דאס מויל און נאָך ברייטער א געניץ טון.

א צעיושעטער אויטאָמאָביל לויפט מיר אנטקעגן. עס דערטראגט זיך פון אינווייניק אן אפגעריסענער פריילעכער געזאנג, אויסגעמישט אינאייגעם מיט א געלעכטער „פּאַטאָ, טע פּעינאַסטע קאָן גאָמינא"!..

געלעכטערס: כאַ, כאַ, כאַ... א פרויען קוויטש, און ווידער יאגט זיך האסטיק דער אויטאמאביל און פארשווינדט ערגעץ, אין אן עק גאס.

א האלב־ליידיקער רעסטאראן ווינקט צו מיר מיט זיין העל־רויטן באַלויכטענעם שילד. כ׳גיי דארט אריין. פארשפעטיקטע באזוכער חלומען בא שווארצע קאפע. עטלעכע ליידיק־גייער קאָנען זיך נאָך אלץ ניט אפרייסן פון גרין פארשטויבטן ביליארד... נאר דער באלעבאס מיט די עטלעכע קעלנערס, אנגעטון אין דער גאנצער אוניפארם מיט די ווייסע פארטוכער, שטייען אוןווארטן פארעקשנט אף דעם אָנקום פון פרימארגן.

כ׳גיי צו און פרעג: ווייסט איר ניט אמאָל, וואו וואוינט סאלוואדאָר פאראזש?

דער באלעבאס, א דיקער הער מיט א רויטלעכן קארק, קוקט מיר אָן גוטמוטיק מיט זיינע גראָע אויגן, נעמט מיר אָן פאר דער האנט, מעשה גוטער ברודער, פירט ער מיר צו צו אן עק־גאס און גיט מיר צו פארשטיין: „איר וועט צוגיין גלייך דריי קווארטאלן. שפעטער וועט איר זיך א נעם טון רעכטס, דערנאָך לינקס, וועט איר זען אן אלטן פארקאן מיט א גאָרטן, טאקע דארט באם סאמע פלויט איז פאראן א שטוב. אָט דארט וואוינט ער.

איך שאקל מיטן קאפ, דאנק אים פאר זיינע אָנווייזונגען און לאז זיך גיין לויט דער אָנגעגעבענער ריכטונג.

א קווארטאל ווייטער פון רעסטאראן איז שוין פינסטער. וויניק עלעקטרישע באלויכטונג. קען זיך די לבנה די האלבע ניט געבן קיין עצה מיט דער ארומיקער חשכות.

שמאָלע געסלעך, בלאָטיקע, קאָמישע, מיט א צעקנאָדערטן שטיינערנעם ברוק, ווי נאָך א דורכמארש פון שווערע ארטילעריע.

און א שטילקייט ליגט אף אלץ. שאַ שטיל!

קענסט הערן א פליג זשומען, ווי א זשאבע האָט זיך צעקוואקעט נאָך איר נאַכטיקער סעודה און ווי ערגעץ פון ווייט, ווייט דערטראגט זיך עפעס אן אונטערערדישער גראגערן פון אן אויטאָ, וואס קלינגט אפ מאדנע אין דער חצות־הלילדיקער שלוהדיקייט.

יאָ. א גארטן, א לאנגער גארטן מיט אן אלטן אפגעקראכענעם פארקאן,

וואס פארנעמט כמעט א העלפט פון געסל, ציט צו מיין אויפמערקזאמקייט. אסור א האָר זאל פעלן. ס'שטימט.

דערנעבן שטייט א שטוב פארקלאפט און פארלאָדנט.

אלץ ארום מיר שלאפט. אלץ איז פארזונקען אין א טיפן לעטארגישן חוני־המעגל שלאָף און האָט גארניט בדעה זיך אויפצוכאפן. וואס טוט מען? אָנקלאפן?

יאָ. כ'קלאפ — א ברירה האָב איך?

צום אָנהויב פאמעלעך, נאר וואס אַמאָל אלץ שטארקער און העכער. עס ענטפערט מיר אפ א גרויסער הונט פון יענער זייט פארקאן. ער שפרינגט בייז, איז פול מיט כעס אף דעם וואנדערער, וואס איז אים געקומען שטערן זיין פרידלעכן דרימל.

ער קען פשוט ניט פארשטיין מיט זיין הינטישן שכל, וואס טו איך דאָ, אינמיטן דער נאכט. ווי קום איך אהער, ווען אלע שלאָפן?

האָט דאס און נאָך אזעלכע פראגן מאטערן זיין הינטישן מח, קוקט ער אף מיר מיט א פּאָר פארשנדיקע דעטעקטיוו־אויגן און רייסט זיך אפן גאנצן קויל: האו, האו, האו.

נאָך אים צולאזן זיך א מחנה שכנישע הינט, ווער מיט א סאפראן און ווער מיט א באסאָווער שטימע.

אלע רייסן זיך אף מיר, דעם פארווארלאָזטן, בלאָנדזשנדן וואנדערער. דאָס הינטישע בילעריי צעטראגט זיך ארום און ארום, פון ערגעץ ווייט, ווייט ענטפערט אפ א קליין הינטעלע אף א קוויטשעדיקן אלט. א פאר־שפעטיקטער משורר צום חזנים־כאָר.

— ווער איז דאָרט? — דערהער איך א פארשלאָפענעם קול.

— איך. א בריוו פון דאווידן.

— ערשט געקומען?

— יאָ, נאר וואס פון דאמפער אראָפּ.

— ווארט צו אביסל, כ'עפן שוין.

דער הונט האָט זיך אביסל בארואיקט, נאָך געטרויט ער מיר ניט און קוקט בייז. איך זאל זיך ניט דערוועגן צוצוגיין נענטער צו זיין קעניגרייך — גיט ער מיר אָנצוהערן.

אַרויסגעקומען איז דער באַלעבאָס אַליין, אַ ניט אָנגעטוענער, אַ באָרוועסער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר.

ער בעט מיר אַריין אין שטוב. איך גיי נאָך אים טראַט בײַ טראָט, פּאַמעלעך, באַמיענדיק, וואָס וויניקער אָנמאַכן אַ טומל.

עס גיט זיך מיר אָבער ניט איין. דער דאָרפֿישער הויף איז פֿול מיט צווייגן, אָפּגעבראָכענע שטיקלעך האָלץ, אָנגעוואָרפֿענע שטיקלעך מכּל המינים, וואָס סקריפּען אונטער די פֿיס, פּונקט ווי פּראָסטיקער אײַז אונטער פֿויערישע שטיוול.

איך קום אַריין מיט מײַן באַגלייטער אין שמאָלן צימער. עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן די אומאָרדנונג, אַרום און אַרום, אין אַלע ווינקעלעך ליגן זאַכן, מלבושים. אויפֿן טיש וואַלגערן זיך קרישקעס, שיריים פֿון נאַכטיקער סעודה.

עטלעכע צענדליק פּאָמעראַנצן ווינקען אַראָפּ פֿון אַן אויבערשטער פּאָליצע און דערוועקן אַן אַפּעטיט מיט זייערע רויטע בעקלעך.

אויפֿן וואַנט הענגען פֿאָטאָגראַפֿיעס. זייער צאָל איז גרויס און זיי דערמאָנען אין שטיבער, וווּ די מאַנען זײַנען אוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און פֿון דאָרט אַראָפּגעשיקט אַ פּיקטשור.

דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל קען ניט באַלויכטן דעם גאַנצן צימער. ערטערווײַז איז פֿאַרשאָטנט. דאָך זײַנען די שוואַרצע ווענט גענוגנדע עדות אויף דער נאַכלעסיקער באַציאונג פֿון זייערע באַלעבאַטים.

איך דערלאַנג דעם אַראַבער מײַן בריוו.

ער זעצט אַרויף אויף זײַן נאָז אַ פּאָר ברילן, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך אָממייסטן אַלטע לײַט (און וועלכע מ׳פּאַסט זיך צו אָן אַ דאָקטער) און נעמט שלינגען די רייד אויף זײַן אַראַבישן לשון.

נײַגעריק וואַרף איך בליקן אין דעם בריוו. מאָדנע זעען מיר אויס די פּינטעלעך, דריידעלעך און קײַקעלעך פֿון אַראַבישן לשון.

„אַט אַזוי — טראַכט איך — פֿילט זיך יעדער ניט־איד, ווען ער דערזעט אונדזער אידישן כּתב.״

איך קען זיך ניט גלויבן, אַז דאָס איז אַ שריפֿט. ווי לייענט מען דאָס, ווי שרײַבט מען דאָס.

עס נעמט א ווײַלע, ביז וואנען מײַן אראבער לײענט איבער דאס גע־שריבענע.

— גוט, — רופט ער זיך צו מיר אָן, — וועסט מאָרגן אפּפאָרן. ס'גייט א שיף באַטאָג.

— וויפיל וועל איך דיר דארפן באַצאָלן?—פרעג איך און האלט בשעת מעשה אין האנט דאָס קליין ביסל געלט, וואָס איז אין משך פון דער נסיעה נאָך קלענער געווארן.

ער מאכט מיר דעם חשבון: דעם באלעבאס פון שיפל—אזויפיל, פארן בילעט—אזויפיל. און אוואו בין איך דאָ?

איך צייל איבער מיט ציטערדיקע הענט מײַן קאפּיטאל, עס שווינדלט אזש אין קאָפּ. עס פעלט.

מײַן „מאכער" האָט מיר אפּגענארט. פארפירט און יעצט געלאזט אף הפקר. א שוויים באדעקט מיר דעם גאנצן פּנים.

אין מח ווערט טונקל, חשך, און איין פראגע, א ברענענדיקע, א פײַ־ערדיקע גליט: וואָס וועט זײַן?

דער אראבער נעמט שעלטן דאווידן. ער שיט אין אים אריין קללות וויפיל נאר ער פארמאָגט אליין.

—א טייוול זאל אים נעמען. שיקט צו מיר מענטשן, מאכט פאלש־קייטן, א קרענק אים אין די ביינער! — חזרט ער אלע רגע איבער.

עס ווערט אומהיימלעך אין דעם אומהיימלעכן צימער.

די בראזיליאנער שטרויענע שטולן דערמאָנען אָן פּויערישע רואיקייט, וואס הארמאָניזירט ניט אזוי מיט מײַן אויפגערודערטער, צעפּראלטער נשמה. דער אלטער עצהט מיר:

— איר'ט זיך צולייגן. אָט דאָ שטייט א בעט. — ער גייט אריין אין צווייטן צימער און ווײַזט אָן אף א ווינקל.

— ווער קען שלאָפן ערשט? — ענטפער איך. — איך וועל שוין אזוי אָפּזיצן די נאכט.

ער קוקט מיר אָן פארוואונדערט. ציט זיך פאנאנדער, גיט א געניץ און א פארשלאָפענער שלעפּט ער זיך צו זײַנע חדרים.

פאמעלעך ציען זיך די מינוטן א האָן קריייט ערגעץ: קוקוריקו! קוקו־ריקו!

דורך דער אָפענער טיר זעט זיך דער הימל, וואס נעמט ווערן וואס א רגע העלער.

ס'שמעקט מיט פרילינג. די בוימער סודען זיך אפן הויף און נאָך יעדן שטארקן בלאָז פון ווינט ברענגען זיי אריין א מתנה, א דופטיקן ריח.

ניט ווילנדיק צעלאך איך זיך: א שיינע מעשה!.. אַן געלט געבליבן אינמיטן וועג. אין א רגע ארום ווער איך פונסניי אומעטיק.

שלעכט, ברודערקע — טענה איך צו מיר. דו וועסט שלעכט אפ־שניידן. איך קריג פיינט דעם קרייעדיקן האָן. א שווארץ יאר אף אים. ער לאזט מיר ניט טראכטן. קוקוריקו! קוקוריקו!

איך שטאר אַן דעם קאפּ אַן טיש און בוי פּלענער. רעכן אף די פינגער וויפיל ס'פעלט מיר און זוך עצות.

א יונגער געבוירענער פרימארגן האָט אריינגעשמייכלט און גע־בראכט אף זיינע אינגלשע פלייצעס א מיידלשע זון צוטראגן.

רויט איז די זון, דער פרימארגן צנועהדיק, ווי א בתולה נאָכן באָדן.

ס'ווערט לייכטער אפן הארץ. אזא זוניקער טאָג. אזא דופטיקער ווינטל.

עס נעמט זיך רודערן אין פארווארלאזטן הויף. סילועטן גייען פאר־ביי. איך דערקען: שטוביקע. אין דעם שכנותדיקן צימער פּארעט מען זיך. דאָס איז די קיך. א מיידל קומט אריין, באטראכט מיר און זאגט א הויכן „גוט מאָרגן". זי קערט אוים די שטוב און ווארפט כסדר פילזאָגנדיקע בליקן אף מיר.

ס'נעמט בריען באָם הארץ. סארא קראפט די מיידלעך פארמאָגן! איך הויב אָן צו שמועסן. זי דערציילט מיר, אז בסך הכל זיינען זיי דאָ צוויי שוועסטער. פינף ברידער האָט זי און קיין איינער פון זיי האָט נאָך ניט חתונה געהאט. אלע פירן געשעפטן מיטן פאָטער צוזאמען. דער עלטסטער האָט אפילו יאָ אַ קינד, אָבער זיין מאמע, א מיידל, איז געשטארבן, גיט זי אף מיר א צווייטייטיקן קוק, ווענדיק זען דעם איינדרוק, וואס אירע רייד וועלן אף מיר מאכן.

— נו, און איר, סעניאריטא, גייט ארום מיט בחורים? פרעג איך שמייכלענדיק.

— איך? ניין, דער טאַטע און די ברידער לאָזן ניט. זיי מעגן אַלץ. — ווערט זי ערנסט.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן צוליב דעם אָנקום פון איר שוועסטער.

דאָס איז געווען א מיידל איבער די צוואַנציק, מיט א פארעלטערטן מענלעכן פנים.

באַלד פון דער ערשטער מינוט פארשטיי איך, אז דאָס האָט זי אויף זיך גענומען די ראָל צו נאָכשפּיאָנירן איר אינגערער שענערער שוועסטער. און עס ווערט מיר די זאַך שטאַרק פארדראָסיק.

ווער האָט דעמאָלסט געטראַכט פון געלט־מאַנגל? הוצאות־הדרך? וועמען איז עס געלעגן אין זינען?

די עלטערע שוועסטער איז אוועקגעגאַנגען און ווידער פאנגען מיר אָן צו שמועסן.

— נו, הייסט עס, לאָזט מען אייך ניט גיין מיט אינגלעך. באמת א שאָד. איר, אזא שיינע מיידל, דארפט זיצן אין שטוב.

זי פארשעמט זיך און ווערט רויט.

— כ'בעט אייך אָן קאָמפּלימענטן. א שיינע בין איך?

— וואָס דען — צערעד איך זיך. א פולבלוטיקע אראַבערין. שווארצע אויגן. איך רעכן איר אויס א צעטל מעלות.

מיין מיידל הויבט עס פון אָרט.

כלומרשט מאַכט זי זיך רוימען דעם צימער. קערט אויס מיט דער באַרשט און שטעלט אַלץ אפן אָרט. זי ברענט, אבער, ווי א פייער און קוקט מיט תאווהדיקע בליקן.

— דע קע נאַסיאָנאַלידאַד עס אוסטע?

— אַלעמאַן — ענטפער איך. — אָ! באַ אונדז זיינען דאָ אויך שיינע מיידלעך, נאָר קיינע איז ניט גלייך צו דיר. איך שטעל מיך אוועק אין דער שמאָלער טיר.

זי גייט פארביי און אונדזערע ביידע קערפּערס שטויסן זיך אָן ווי

קעגנזייטיקע טיילן פון מאגנעט. זי צאפלט אזש פון לוסט. אין דער מינוט איז די שוועסטער אריינגעקומען.

— אך צום טייוול זאלסטו מיר גיין — טראַכט איך א בייזער. דער רוח האָט דיר ריכטיק אָנגעטראָגן...

די יונגע שיקסע ווערט א ווײַלע צעטומלט און כאַפּט זיך ווידער ראַ־מען די שטוב. נאָך יעדן קער פון בעזים, גיט זי מיר א קוק אָן און מיט אזא פייער, אז עס נעמט ווערן היים אין אלע אברים.

— אך קעצעלע, ווען מיר קענען ערשט ביידע זיין צוזאמען...

די עלטערע שוועסטער זיצט אנגעבלאָזן. זי איז פול מיט חשד. פילט, אז עפּעס וועבט זיך אונטער אירע פּלייצעס, קומט פאָר אָן איר וויסן און זי קען ניט דערגיין.

די יונגע איז א קערנדיקע, זאַפטיקע, פול מיט לעבן. איר קערפּער איז עכט צעבליט מיט זיין גאנצער רייפקייט. די אויגן שפּריצן פייער און די באַקן רויטלען זיך. און דאָ נאַ דיר אזוי פיל מחבלים...

קוים, קוים זיך דערוואַרט די עלטערע שוועסטער זאָל אוועקגיין. איך שאַר מיר צו אין קיך. דערנענטער זיך צו מיין שיקסע, יענע ציט זיך צו מיר און דאָ קומט ווידער א שטערונג. דער הויף איז שוין וואַך. די פינף ברידער האָבן שוין באוויזן פאַר דער צייט אויסצוטרינקען א מאַטע און יעצט שפּאַצירן זיי זיך ארום, ווער אן אויסגעפּוצטער און ווער אין שטוב־מלבושים איבערן הויף.

יעצט מוז מען זיך באַגנוגענען מיט גלאַט א שמועס — טראַכט איך — באַאָבאַכטנדיק די פּאָזיציע אין וועלכער איך געפין מיר.

— איר׳ט אפשר טרינקען אַ מאַטע? — פרעגט זי מיר.

איך בין מסכים.

עס דויערט ניט לאנג און אָט שטייט זי נעבן מיר מיט א הייסער, זיסער מאַטע אין האנט. די „זשערבע״ איז פריש, דאָס וואַסער קלאָר און די שיקסע רייצנד.

נו, וואָס נאָך האָט געפעלט דער מאַטע?

איך בין אַף אן אמת דאָרשטיק. אנדערש קען איך דאָס ניט אננעמען. זי האַלט מיר אין איין דערלאַנגען „מאַטעס״, נויט מיר פשוט איך זאָל טרינ־

קען דעם זיסן, היגן געטראנק און לאזט פון מיר די אויגן ניט אראָפּ.

— לע גוסטא? — פרעגט זי מיר אלע ווײלע.

נעבן אָפענעם פענסטער שטייט א באַנק. א היימישע הילצערנע באַנק פון הארטן דעמבן־האָלץ. כ׳זעץ מיר צו און מאַך אָרט פאר דער אראבערין.

זי דריקט זיך צו מיט איר קערפּער צו מײנעם און עפּעס א גוטע אנגענעמע ווארימקייט צעגיסט זיך איבערן גאנצן גוף. אירע בריסטן הויבן זיך אלע ווײלע און פאלן צוריק אראָפּ. עס איז אזוי קענטיק איר אויפרעגונג... פון אונטער דער דינער בלוזקע זאגן אף דעם עדות אלע אירע בלוט־באוועגונגען, לוסט־צאפּלען.

טריט. דער פאָטער גייט. און אָט זיאמ זי שוין אפּגערוקט. אין א מינוט ארום באהעפט זי זיך נאָך שטארקער ווי פריער. אירע געטאָקטע פיס ציטערן מיט דעם באקאנטן מײדלשן ציטער...

— ווי הייסטו? — פרעג איך.

— דאָרט, אין טריפּאָליס האָט מען מיך גערופן „פּעטי”. דאָ הײס איך אנדערש. פאוסטינע.

— פאוסטינע, — זאָג איך — האָסט ליב אינגלעך?

— ניט אלע, — שמײכלט זי — פאראן אזעלכע מיאוסע, אנגעבלאָזענע.

— נו, און „עסטראנכעראס” געפעלן דיר?

— יאָ. אלעמאנעס. זײ זײנען גוטע.

— פאוסטינע, ווײסט איך בין אויך אן „אלעמאן”, נו, געפעל איך דיר?

זי לאכט אפן קול.

מיר קוקן זיך בײדע אָן און שמײכלען אָן א פּארוואס. אין א רגע ארום פיל איך ארום מײן האלדז זיך קלאמערן צוויי געזונטע מײדלשע הענט און א פּאָר רויטע, פריש־זאפטיקע, קילע ליפּן זויגן זיך אריין אין מײנע מיט לײדנשאפטלעכער ליבע.

— גוטע פּאוסטינע, שעפּטשע איך א גליקלעכער.

וואס רעדט מען מיט א פרימארגנדיקער רײצנדער שיקסע?

אלץ. מ׳טאָר אבער ניט. אויערן שוועסטערשע און ברידערשע שטייען גרייט. מיר מאכן א כשרן שמועס.

זי דערציילט מיר, אז זי איז שוין געווען אין דער הויפּט־שטאָט. א גאנצן מאָנאט זיינען זיי ארומגעפארן אין אייגענעם אויטאָמאָביל איבער דער רעפּובליק.

— ווי געפעלט דיר דאס גרויסשטעטישע לעבן?

— אודאי שענער און אינטערעסאנטער. ניטאָ וואס צו ריידן. דאָ שטאַרבט מען דאך פון לאנגווייל. — ווארפט זי אף מיר א בליק.

— פארוואָס גייט איר ניט שפּאצירן? — ווייזט זי מיר אָן אף דעם שיינעם דרויסן. —

אַ בלויער הימל מיט אַ צעשטראַלטער זון באשטעטיקן אירע לאָגישע רייד.

— אליין גלוסט זיך ניט, — ענטפער איך — ס׳איז אומעטיק.

זי קוקט זיך ארום, אויב עמיצער הערט ניט אונטער און שעפּטשעט צו מיר:

— גייט ארויס און וואַרט אף מיר! כ׳וועל שפּעטער אונטערקומען...

אָ, לאנגע מינוטן פון ווארטן; נאָך זע איך אייך גלותדיק אויסגעצוי־גענע!

די גאס איז גאָר א רואיקע. מ׳דארף דער שיקסע אפּווארטן, ניט ארויסרופנדיק בא קיינעם קיין פארדאכט.

צום גליק האָט זיך ניט ווייט פון דארט געצויגן א פעלד און הארט בא זיין עק — בוימער מיט שטעכעדיקע, שאָטנדיקע צווייגן.

הויפנס שטיינער, צום טייל גאנץ גרויסע, האבן געבילדעט א מין וואנט. איך האב מיך פאררוקט אונטער א בוים. אפּגעבראכן די שטעכע־דיקע צווייגלעך, גענומען באַאָבאַכטן די געאָגראפישע לאגע.

די „פּאָזיציע" איז וואס אן אמת ניט געווען גאר קיין גינסטיקע, אנט־קעגן איז געווען אן אלמאסען, וואו מענטשן האָבן געהאלטן אין איין ארײַנ־גיין און ארויסגיין. זיי קוקן מיר אָן פארחידושט. עפּעס אין מיטן העלן טאָג, זיצט זיך א יונגערמאן, אָנגעשפּארט אף א שטיין און קוקט.

קליינשטעטלדיקע זיינען כידוע גרויסע טשיקאווע, קוקן זיי אויך. די

נאַלעבאָסטע פון אלמאסען, אַ טונקעלע גויע מיט א שווארצער פארמאכטער קלייד, נעמט מיר אין עפּעס חושד זיין, ס׳געפעלט איר ניט די גאנצע געשיכטע, לאזט זי ניט אפּ פון מיר קיין אויג. א „גאוטש״ רייט דורך פּאמעלעך אף זיין פערד און גריסט זיך צו מיר.

די זון נעמט ברענען, וואס א רגע שטארקער און אַ מאָדנע מידקייט באפאלט, קריכט אריין אין די אברים און קלעפּט די אויגן. מיר דוכט זיך, אז „זי״ דארף יעדער רגע אָנקומען. זי האָט דאך מיר געהייסן ווארטן.

איך האלט אין איין קוקן אף דעם אראבערס שטוב. איך זע געצוי אלצדינג, אוממעגלעך, אַז „זי״ זאל מיר קענען פארשווינדן פון די אויגן.

עס באוועגט זיך עפּעס, דוכט זיך עמיצער גייט ארויס פון דארט. איך ציטער מיטן גאנצן גוף און פיל די וויכטיקייט פון דער מינוט. אין א רגע ארום קריץ איך אזש מיט די ציין פון כעס. דאס איז „ער״ גאָר, איר פאָטער. איך זע אים אויסגעפּוצט אין שווארצן, פארפלעקטן פראק מיט דער גראָבער ווייב אונטערן אָרעם, ווי זיי קריכן פּאמעלעך אונטער די ברענענדיקע זון־שטראלן אפן שטויביקן שטעג, וואס פירט צום קלויסטער.

אהא! טראכט איך. „זי״ וויל זיי צוערשט ארויספּטרן, וועט זי דערנאָך קענען אומגעשטערט קומען. זי איז גאר קיין נאַר ניט, די קליינע.

ערשט בין איך שוין זיכער, אז זי וועט באלד ארויסגיין. איך צווייפל גארניט אין דעם.

א פרייד באפאלט מיר און איך נעם נודיען אין זיך א לידל.

א הייפל סאלדאטן קומט אָן. מייסטנס נעגערס, מיט שווארצע, מוראדיק פארקוילטע פנימער און אפּגעקראכענע מונדירן. זיי לאזן זיך פריילעך צום נאָענטן שענק און רעדן אלע מיטאמאָל. איינער וואקלט זיך שוין א האלב ־ שיכורער. זיינע חברים, האלטן אים אונטער און לאכן. פון א הויזטיר קוקן ארויס עטלעכע מיידלעך מיט אנגעפּודערטע באַקן, אויסגעפּוצטע לכבוד זונטיק. איינער פון די סאלדאטן שטעלט זיך אפּ, מאכט א שמועס, טשעפּעט זיך צו די מיידלעך און פארשווינדט אין הויז־טיר.

און ווידער שטיל, שאַ.

א גויע טרייבט מיט א שטעקן אן עקשנותדיקע בהמה. איר קליין טעכטערל לויפט איר כמעט נאָך, ניט קענענדיק נאָכיאָגן די טריט פון דער מו־

טער. א פארבייגייער מיט גלאַנצנדיקע, נאָר וואָס געקויפטע גלע שיך, קוקט מיר אָן פארדעכטיק.

עס ווערט ווידער אומהיימלעך. אַך, ווי לאַנג עס געדויערט!

די זון שטייט אינמיטן הימל און עס דוכט זיך מיר, זי זעט מיין חרפה, לאַכט פון מיין אומזיסטן ווארטן... אויך די בוימער שאָרכן אונטערן לייכטן ווינטל שפּאַטיש...

א מחנה פויגל איז געקומען צופליען פון צפון זייט. פארוים קלאַפּט מיט די פליגל זייער עלטסטער און נאָך אים אלע דרייען זיך אין קרייזן, ווערן אלעמאל קלענער ביז וואנען זיי פארשווינדן אין האָריזאנט.

א בענקשאַפט איז מיר באפאלן און ס'האָט זיך מיר געדוכט, אז צו־זאמען מיט די אוועקפליענדיקע פויגל, איז פארלוירן געגאַנגען אויך מיין לעצטע האָפנונג...

צוויי פלעקן

זיצנדיק אזוי אינדערמיט פון יום־טובדיק, רייך געקליידטן עולם, בא שיין סערווירטע טישן, פון וועלכע, צוזאמען מיט א געקלאפעריי פון אויסגעליידיקטע בעכערס וויין, האט זיך אלעמאל דערטראגן א פאטעטי־שער לויבונגס־טאָסט לכבוד דער זייער נוצלעכער, הויכגעשעצטער, נאציאָ־נאלן שטאָלץ פארשאפנדער תלמוד תורה... — איז בערגמאנען פלוצלונג באפאלן א מאָדנער פארצווייפלטער אומעט, א דערדריקנדער, וועלכער איז פאמעלעך אין אים געשטיגן ביז ס'האָט זיין פנים אויסגעקרימט אין א צעווייטיקטן גרימאס, וואס האט אים שוין ניט אפגעלאזן מער דעם גאנצן אָוונט.

ער האָט געקוקט מיט מאָדנע, ברייט־פאנאנדערגעעפנטע אויגן אף די פאררויטלטע, קיילעכדיקע, גארנישט זאגנדיקע פנימער, וועמענס געזונט־צייניקע מיילער האבן מיט חיהשער גיריקייט געשלונגען פון די אָנגעפילטע קלאשן זיסווארג, לפנים וועגן געשאטן דריי גאָרנדיקע פוסטע פראזעס, איבער דעם כבוד, וואס דער אנשטאלט פארשאפט דעם כלל ישראל, ניט פארגעסנדיק, תוך כדי דבור, א בליק טון טיף איבערן זאַל, זען וואָסער איינדרוק זייערע קלונג־באגייסטערטע רייד האבן עם געלאזן...

בערגמאן האָט איבערגוואלד איבערגעריסן דעם פאָדים פון זיינע שלעכטע טראכטענישן און געהאט שטארק פארדראָס אף זיך, הלמאי ער דערזעט אומעטום נאָר מענטשלעכע חסרונות און שוואכקייטן.

פול מיט חרטה האָט ער אראפגעלאזט די אויגן, מורא געהאט זיין בליק זאל זיך נישט אנטרעפן מיט אָט די אלע, וואס זיצן דאָ ארום אים, גלייך ער וואלט קענן זיי נאָר וואס באגאנגען דעם גרעסטן חטא...

— אומעטום זוכסטו נאָר פעלערן... גראבסט זיי אוים פון אונטער דער ערד... — האָט אים דער פארדראָס אליץ מער געפייניקט.

— היי, ברודערקע, פון קנאה שטאמט עס. דו ביזט ניט קיין פארגי־

נער. ס'פאדריסט דיר אודאי, וואס זיי האבן הנאה פון לעבן, פרייען זיך, לאכן... הא? — האָט ער קלאר געהערט, ווי עמיצער, א פארבאָרגענער שונא, באהאלטן טיף אין דער נשמה, רייצט זיך מיט אים און עסט אים פאַמעלעך די לעבער. אין דער רגע האָט ער זיך דערפילט שטאַרק געפאלן און זינדיק, ווי איינער, וואס טוט אָפּ די גרעסטע נארישקייט, חשק געהאט איבערצובעטן די פארזאמלטע, באלד נאָך נידעריקער דעם קאָפּ געזונקען, ווי אמאל, אין די קינדער־יארן באם דערווארטן א פארדינטע שטראָף. נאָר קיינער האָט אים, דעם לערער, ניט אין זינען געהאט.

דער באנקעט איז גראד איצט געווען אין זיין פולן ברען, און האָט דערגרייכט די העכסטע מאָס פריילעכקייט.

שטיקער גרילצנדיק געזאנג, פון האלב הייזעריקע, מיט בראנפן דורכ־געברענטע גארגלען, האבן זיך דערטראגן פון אלע עקן טיש, אויסגעמישט זיך אינאיינעם מיט נארישעוואטע התפעלותן און געלעכטערלעך, פון שטארק פעטע, גראבע וויצן און איז פארשלונגען געווארן אין א געקלאַ־פעריי פון גאפל־מעסער, וואס האבן אף אלע כלים געארבעט אין די דער־לאנגטע טעלער מיט געריכטן. הארט נעבן אים, האָט א דיקער פארשוויצ־טער מענטש זיך געשאקלט איבער א שוימיקן כוס וויין. מיט דער רעכטער האנט האָט ער עס געהאלטן הויך אויפגעהויבן איבער אלעמענס קעפּ (די לינקע האָט בשעת מעשה געווישט מיט א ווייס טיכל דעם נאסן פליך) מיט זיינע רויט־פארלאפענע, שכורע, גראָע אויגעלעך האָט ער זיך אומזיסט אנגעשטרענגט צו בארואיקן די צעהיצטע געמיטער און ענדלעך, נאָך א לאנגן, גאָר לאנגן ווארטן, האָט ער האלב סאפּענדיק, מיט א קוויטשענדיקן קול, בייזלעך ארויסגעפלאצט:

— מיינע געשעצטע דאמען און הערן!

צוליבן כבוד פון אידישן פאלק און זיין ליכטיקער תורה, צוליב דעם שטאָלץ פון אונזער לאנגער היסטאריע, דארפן מיר געבן אונזערע קינ־דער א...

ארום אים האָט זיך געטומלט און געהודזשעט, ווי אין א בינשטאָק.

און דוקא דעמאלט האָט בערגמאן פונדאסניי א קוק געטון.

נו, יאָ, דאס איז זיכער. קיינער האָט דעם רעדנער אף א האָר ניט גע־

גלויבט, געוואוסט, אז ער איז א נבול־פּהניק, אן אויפגעקומענער עם הארץ, וואס די אלע זאכן, פון פארוים אין דער היים איינגעהזרטע, קריכן אים ניט אין דער לינקער פאה אריין, רירן אים אָן, ווי דער פאראיאריקער שניי.

און פונדעסטוועגן...

„הייסט עס, — האָט דער פריערדיקער, צעשמעטערישער געדאנק זיינער נייעם מוט באקומען. הייסט עס, האב איך גאר דא קיין טעות ניט געמאכט. הערשט טאקע בלויז צביעות און געלט. מיט פוסטע, שיינע מליצות, ווילן זיי פארדעקן אינערלעכע צעפוילטקייט.

און דער פריערדיקער בערגמאַן, וואָס האָט מיט א רגע צוריק זיך געוואלט אזוי הארב באשטראפן, האָט פלוצים אויפגעברויזט אין א דראַ־ענדיק פייער, וואס זוכט צו פארניכטן אלץ, וואס עס באגעגנט אף זיין וועג.

ער איז געבליבן זיצן, ווי אף שפילקעס, דערפילט זיך שטארק פרעמד צווישן די אלע, פונקט ווי איינער, וואס פאלט אומגעריכטערהייט אריין אין שונאס לאגער. פאר גרוים כעס און עקל, האָט ער אלץ אָפטער גענומען אויסקערן פון דער בייכיקער פלאש ליקער, איין גלעזל נאָכן אנדערן, דער־שפירט, ווי א טעמפע היץ צעקריכט פויל איבער די ביינער. פילט זיי מיט עפעס אזא גוואלדיקע גבורה, וואס איז בכח וועלטן איינצוליגן. וואס מער די היץ איז בא אים אינווייניק געשטיגן, האָט ער אלץ העלער און ליכטיקער זיך דערזען איינער אליין שטיין, אינדערמיט פון א מחנה מי־אוסע פארשוינען און צבועקעס.

ער, וואס דארף קעמפן קעגן זייערע געמיינע ליגנס, זיי אויפדעקן, אויסלאכן, און פאר אלעמען זייער נאקעטע חרפה באווייזן.

אין מויל בא אים איז זיך צעוואקסן א מאָדנע, זויערע ניט־גוטקייט, וואס האָט אים גענודזשעט צו ברעכן. זיין צעהיצטער דמיון האָט זיך אין אים אלץ מער צעפלאקערט און גענעבן דער זיך פלאָנטערנדיקער, האלב־שכורלעכער צונג אזעלכע הארבע דבורים, וואס האבן אים אליין געחי־דושט: „אין דער ערד האָט ער זיי, די פעט־לייביקע קליינבירגער, מיט זייער כלומרשטן נאציאָנאלן שטאָלץ"...

מיט זיינע ברענענדיקע פינגער האָט ער שטאַרק, ביז ווייטיק, געדריקט די שלייפן, בכדי צו דערהאלטן דאס גלייכגעוויכט, און קוים זיך געקענט באהערשן פון דעם ווילדן פארלאנג אָנצונעמען דעם דיק־בייכיקן פארשוין און ארויסווארפן אינאיינעם מיט דער אומנוציקער לײדיקער ליקער פלאַש.

ס'האָט אים געקיצלט אין די אָדערן, און זיינע בארוישטע בלוטן האבן אים פארגעשטעלט א געשלעג, וואו ער, בערגמאַן, מיט אַן ארויסגעשרויפטן פוס פון טיש, טיילט קלעפּ, שפּאלט מוחות אף רעכטס און לינקס.

ער האָט אויפגעוואכט פון זיין חלום און גענומען פּאמעלעך מיט א וואקלדיקן טראט זיך רוקן צו דער טיר.

ער איז שיר ניט אומגעפאלן, נאָר דער וואכנדער פארזיכטיקייטס געפיל, וואס איז פאראן אין יעדן מענטשן, האָט אויך אים אונטערגעזאגט, אז ער מוז למען השם זיך וואס גיכער אָפּטראָגן פון דאנען.

א קיל ווינטל האָט אף אים א בלאָז געטון, אף א רגע אפגעפרישט זיין פארעדיק לייב און אים געצויגן מיט טויזנטער פינקלדיקע אויגן פון דעם הענגנדיקן טיף־בלויען הימל, אין דרויסן ארויס. ער האָט צעעפנט דאס מויל, געשלונגען פולע הויפנס לופט אין זיינע לונגען, פלוצים זיך פארקרימט, א קרעפטיקן שפּיי געטון, ארויסגעצישעט פון די ציין א מיאוסן זידל־ווארט און האסטיק זיך געלאזט גיין פארויס אָן א שום ציל, גלאט אזוי, וואוהין די אויגן וועלן טראגן.

אָפּשפּאַנענדיק א לענגערע צייט, ביז ער האָט דערשפּירט א מידקייט אין די פיס, איז בערגמאַן פלוצים שטיין געבליבן, צוזאמענגעצויגן זיינע גערדיכטע ברעמען און זיך פארטראכט: אייגנטלעך וואלט ער באדארפט איצט גיין ערגעץ־וואו זיך צו צעשטרייען...

אין שטוב ווארטן אף אים אָפּגעריסענע, נאַקעטע ווענט, א שמאָל אייזערן בעטל און זינדיקע חלומות. און גלאט: וואס פאר א שכל איז פאראן דערביי ער זאל זיך דאָ אָף דער גאס ארומבלאָנקען, ווי א הונט, אדער ניט צוטאָן מיט קיין אויג א גאנצע נאכט בא זיך אין דער אַלטיזשע?...

און נאָך איידער ער האָט באשלאָסן וואס צו טון, האָט ער שוין א ווענד געטון זיין טראט צו א באלעבטער גאס, פון וואנען שימערירנדיקע עלעקטרישע לאָמפּן האבן נאָך פון דער ווייטן צו זיך געצויגן מיט אלערליי

בלענדנדיקע, פאנטאסטישע קאלירן פון א רעגן־בויגן. אינם ארום איז שוין קאַנטיק געווען די שפּעטע נאכט־שעה.

די פארבייגייער האָבן זיך שנעל דורכגעשארט איבערן גרוימען, ברייטן ווייסן טראטואר און, ווי פארשפּעטיקטע געשטעלט אייליק גיכע טריט, ווי וועלנדיק עפּעס דעריאָגן...

די גרויסע שטאָט האָט א מידע צעשפּרייט אירע שטיינערנע ארעמס און אומזיסט געפּרואווט איינדרימלען.

ווייטע אָפּהילכן פון טרומייטערנדיקע אויטאָס, א ריטשעדיקע ברומעריי פון אן אומרואיקער שיף, וואס האָט, דערנענטערנדיק זיך צום פּאָרט, זיך צעיאָמערט אין דער נאכט מיט אלע אימות פון טויזנטער וואיענדיקע וועלף; דאס נאָגנדע מעלאנכאליש־צעצויגענע פייפן אין פּאָליציייאישער מויל, דאס דינגען זיך פון עלנטע גאסן־פרויען מיטן פּרייז פון א „ליבע־שעה" — האבן דעם גולם ריז ניט געלאזט צוטאן קיין אויג...

פון ערגעץ א גאס האָבן זיך מיטאמאל באוויזן, ווי ווילדע שפּיץ־נאָזיקע פארזעעניש, רייניקונגס מאשינען, מיט א קלאָגעדיקן אויסזען פון קריכנדיקע טשערעפּאַכעס, פארגאנגען אין חוצפּהדיקע, סקריפּענדיקע קולות, באגיסנדיק דעם אספאלט מיט האסטיקע וואסער־שטראמען.

זייערע אונטערשטע ברייטע בארשטן, ווי שרעקלעכע וויידלען פון פאר מבולדיקע חיות, האבן איינע נאָך דער אנדערער געצוואָגן און פארקעמט די גאסיקע קעפּ, וואס האבן באלד גענומען גלאנצן, ווי פּאָמאַדירטע, פעט־אנגעשמירטע קאָמפּאַדרישע גריוועס...

— טשאַפּ... טשאַפּ... — האָט דער קריכערישער גאנג אי־בערגעלאזט אין חלל א פארדעמפּטן אָפּהילך, א שלעפּערדיקער פאליציאנט, מיט רויטע אונטערגעהאקטע אויגן, האָט זיי אומעטיק נאָכגעקוקט, מקנא געווען זיין שכן, דעם שאפער, וואס זיצט אזוי בהרחבה אין אויטא, ווארט אף די באלעבאטים און כאַפּט זיך דערווייל א דרימל...

ער האָט געפּארשט דעם וועטער, זיך דערמאנט, אז ס'איז קיל, האָט ער זיך ענגער איינגעהילט אין זיין ברייטער בלויער פּעלערינע און פאר ניט־גוטקייט, וואס די נאכט וויל זיך ניט ענדיקן, גענומען פויל און רעגלמעסיק געניצן...

פון א טונקל, זייטיק געסל, האָט א שמאָלער ליכטיקער פּאס אויפ־געוועקט אין בערגמאנען א זינדיקן פארלאנג און, נאָך א קורצן ישוב הדעת, אים אהין געפירט.

ס'איז געווען א הייזל...

פונם שיינעם, ראזן קאָרידאר האבן זיך א בלענד געטון ווייסע פאר־הענגלעך, צניעותדיק־לאנג אראפגעלאזן, ווי מיידלשע וויעס, פונקט ווי זיי וואלטן בדעה געהאט צו פארשטעלן די אינווייניקסטע חרפּה.

ער האָט א דריק געטון דאס קנעפּל. א קליינע, שווארצע גויקע האָט פארשארט א שטיקל פארהאנג, אפּגעמאסטן אים, דעם גאכט, מיט פארשנ־דיקע דעטעקטיוו אויגן און געעפנט די טיר.

באזוכער זיינען געווען עטלעכע. איינער האָט געהאלטן פאנאנדער־געשפּרייט ווי א מגילה, א לעצטע „קריטיקא", געזוכט דאַרט מיט דער נאָז און אויגן איבער די גראפישע בילדער און הנאה געהאט פון שפּאָר ביסל הרוגים, וואס האבן זיך מיט א שעה צוריק צעדמט אין א קאפּע אף פּאַסעאַ דע קאָלאָן.

אַן אָפּגעריסענער יונג, מיט אויסגעטראטענע לאַפּטשעס, האָט נערוועז אויסגעפּייפט „ראמאנא" און צוגעקלאפּט אלע מאל צום טאקט, און גאר אַן אָנגעכמורעטער עלטערער קריסט האָט ערנסט, מיט א פרומען פּנים, גע־ווארט אף זיין ריי, פּונקט ווי באם גלח בשעתן מתודה זיין זיך...

אַט זיי אלע האבן עס אויפגעהויבן די אויגן און באגלייט זיין אריינ־קום. אין דער אומהיימלעכער שטילקייט, וואס איז פון צייט צו צייט גע־ווארן איבערגעריסן דורך דרויסנדיקע אפּגעהאקטע קלינגען און אינווייניק־סטע פארדעכטיקע גערוישן, האָט יעדער איינער פון זיי געזוכט אַן ארט, וואו די אויגן צו באהאלטן פון לאנגווייליקער בלאנדזשעניש.

ענדלעך איז געקומען זיין ריי. ער האָט מיט ברייטע שפּרייזן זיך דערנענטערט צום בעט, אף וועלכן די נקבה איז געזעסן, בלאזנדיק דעם רויך פון א פּאפּיראס, און געהאט אַן איינדרוק, אז דאס גייט ער איצט טון עמיצן א צו להכעיס. דער „עמיצער" איז געלעגן באַ אים נאָך טיף באהאלטן אין אונטערבאוואוסטזיין, נישט געוואגט ארויסצושטעקן די שפּיץ נאָז, נאָר דורך קליינע, אפּטע טיקטאקן פון הארץ, געלאזט וויסן פון זיך,

אז ער לעבט און קוקט זיך צו אלצדינג צו. א רויטער עלעקטרישער אפשיין דורך דעם פאפירענעם אבאזשור, איז נעפאלן אף אלע זאכן אינם צימער, צעלייגט זיך אין א ליכט־און שאטן־שפיל אף דער ברייטער, צוויי פלאסיקער בעט און פאנטאסטיש באלויכטן א האלבן פנים פון דער כמעט נאקעטער פרוי.

— וואמא טשיקיטא!...

אירע גראבע, פליישיקע הענט האבן בערגמאנען א כאפ געטון, צוגעצויגן צו זיך און גענומען ארומקריכן ארום זיין צעשפילעטן, אנטבלויזטן לייב, ווי ריטשקעלעך לעבלעך וואסער אין אן עפנטלעכער באד.

ער האט זיך ניט קעגנגעשטעלט, פארקערט: האט נאך צופרידן געשמייכלט, ווי א מענטש, וואס דארף דורכמאכן א געוויסע פראצעדור אין אויפנאם־צימער פון דאקטער און עס טוט אים הנאה, וואס אלץ גייט צו אין ארדנונג... בכדי זיך צו קענען וואס פריער באפרייען.

זיינע פארחלומטע ביר־אויגן האבן געבלאנדזשעט איבער איר פנים, געזוכט דארט צו לייענען עטוואס פון דעם, וואס עס קומט פאר בא איר אין דער נשמה — און נישט געקענט. איר מגושמדיק, טעמפ געזיכט, די קאנטיקע נאז, ווי א אפגעטשעסעטע און צוגעקלעפטע, האבן אנטהאלטן א מאדנע, זאטע, בהמהשע רואיקייט... אירע קליינינקע אויגן, בארעקטע ארום די ברעמען מיט געדיכטן פארב, האבן פרעמד געשיינט, ניט געוויזן דעם צלם אלהים, וואס איז פאראן בא יעדן איינעם.

אויסגעדוכט האט זיך אים, אז אלץ איז בא „איר" קינסטלעך געקויפט און ארייגעזעצט... סיי די צוגעשטיקעוועטע נאז, די איינגעפאסטע גלאנציקע אויגן און אויך די פולע תאווהדיקע ליפן, וואס זי האט מציאהדיק אוודאי געפאקט ערגעץ אין א רעמאטע...

ער האט געלאכט פון זיינע מאדנע איינפאלן, געהאט חשק וואס גיכער זיך אנטון און אוועקגיין.

ער האט זיך אבער געשעמט פאר איר, נישט געוואלט זי באליידיקן און זיך מפקיר געווען אין אירע ארומטאפנדיקע, קריכנדיקע הענט.

זי האט געווארט אף זיינס א ווארט, אף איינעם פון די סקארבאווע ווערטער־אויסטוישן פון „קליענט" אף א ווילד תאווהדיקן אויסדרוק פון

אים, דעם אנגרייפנדיקן מאן, און געפילט זיך שטארק נידערגעשלאגן אונ־טער זיינע דורכדרינגלעכע בליקן, וואס האבן געעקבערט איר נשמה און אזוי דרייסט געקוקט אין די אויגן.

כ'איז איר אומעטיק געווארן און הארציק שטיל געוואונען אונטער־זינגען:

„איך האב זיך איינגעליבט אין א שיין אינגעלע,
שיין ווי א רענדעלע גאָלד.
אים, מאמעניו, האָב איך געליבט
און אים האב איך טאקע געוואָלט..."

זיין גאנצע צוריקגעהאלטנקייט איז מיטאמאל צערונען געוואָרן. ער האָט אף איר רחמנות געקראגן און ווייך א פרעג געטון:

— איר זענט א אידישע?

— יאָ, — האָט זי אים אומעטיק געענטפערט.

און נאָך א פיינלעכער שטילקייט, האָט זי מיט א געפאלן קול, ווי ווע־לנדיק זיך פארענטפערן, א זאג געטון:

— פארשאלטן לעבן!.. ביז ניי־יאר וועט זי בלויז אזוי „ארבעטן", דערנאָך פאנגט זי אָן גאָר אן אנדער לעבן, — א נייס און ריינס...

אירע גלאנציקע אויגן, וואס האבן פריער ווי קאלטע שטערנס געבליש־טשעט, האבן זיך פלוצלינג אָנגעפילט מיט מוטנע טרערן, וועלכע זי האָט פארשעמט אויסגעווישט מיטן ארבל פון זיידענעם שלאָף־ראָק.

זי האָט געמוזט עפעס רעדן, די פארשטויסענע צום אפגרונט, זי האָט געמוזט עפעס רעדן אין דער שפּעטער נאכטיקער שעה, און זי האָט גערעדט:

מען האָט איר געשדכנט איינעם, וועמען זי האָט נישט ליב געהאט... גאנצע טעג און נעכט האָט זי געוויינט פאר דער מאמען: „מאַמע, מאמע, איך האב אים נישט ליב, כ'וויל אים נישט"...

די פאנאטישע קליינשטעטלדיקע עלטערן אירע האבן נישט געוואלט זי פארשטיין. נאָך דער חתונה איז זי אנטלאפן צו דער מאמען: „א, מאמע, דערבארעם זיך, איך קען מיט אים נישט וואוינען, כ'האָב אים פיינט, כאָטש נעם דערהארגע מיך"...

דער בייזער פּאָטער האָט זי דאַן פון שטוב ארויסגעטריבן, — איז זי פאר חרפה אוועק אין דער גרויסער וועלט... אָן קרובים, אָן א פאך, אָן ארימע, אָן עלנטע, א פארשטויסענע, וואס האָט זי געהאט אנצואווערן? נאָר נישט מיטאמאל איז זי געווארן אזא... עס איז א לאנגע געשיכטע, א לאנגע...

בערגמאַן האָט זיך שטיל דערנענטערט צו איר, זיך אוועקגעזעצט הארט לעבן איר צעווירענעם גוף, באמיט זיך צערטלעך צו גלעטן איר נאַקעטן ארעם, אָן דעם מינדסטן שפּור פון ליידנשאַפט, און מיט א גערירטן קול זיך בא איר געבעטן:

— וויין נישט, שוועסטערקע, דו ביסט אָן אומגליקלעכע, יאָ, נאָר דו ביסט דאָך נישט איינע. די מיינסטע מענטשן אף דער וועלט זיינען אומגליקלעך... און צו וואס דאס שעמען זיך?..

ער איז אנטשוויגן געווארן, נידעריקער געבויגן דעם קאָפּ, ווי אונטערן לאסט פון דריקנדיקע, פּיינלעכע געדאנקען און פונסניי אָנגעהויבן:

— דו ביזט נישט ערגער פון די אלע טויזנטער, מיליאָנען ווייבער, וואס פארקויפן זיך צו רייכע מאנען, האבן חתונה אָן „ליבע”, בכדי צו קענען פירן א רייך און באקוועם לעבן. מער נישט: יענע פרויען האבן אף זייער צד די מיינונג פון דער „געזעלשאפט”, דעם שטעמפּל פון ציוויל-רעגיסטער, די ברכה פון רב, און דו דארפסט זיין פארשטויסן אונטער א ווייסן פארהענגל און נאכט בא נאכט זיך אָפּגעבן צו צענדליקער מענער..

— דו האסט מיט „ליבע” ניט געקענט האנדלען, האסטו גענומען דיין גוף און פארקויפט ביליק... אנדערע, מיט בילדונג, יחוס, שיינקייט, האבן אפן יאָר מארק פון חתנים זיך אויסגעזוכט א לייטישן שידוך, זיך געדונגען מיטן מקח... און איצט האבן זיי אלע יאר א קינד און זיינען די בעסטע זי-בערסטע ביישלעפערנס...

לאנג האָט זי נישט פארשטאנען בערגמאנס רייד.

— וויים איך וואס דו האקסט מיר דארט א טשייניק, ווייזסט נאָך אוים צו זיין גאר א וויטישער...

דערנאָך האָט זי זיך פארטראכט.

זיינע ווארימע טרייסט ווערטער האבן איר ארומגענומען מיט א דער־קוויקנדיקן אָטעם, ארויסגערופן א דאנקבארקייט געפיל.

זי האָט זיך פלוצלינג אין אים איינגעקלאמערט און מיטן גאנצן כח אים א ווארף געטון אפן בעט.

אירע שארפע ציין האבן זיך איינגעשניטן אין זיין באק, הארט נעבן לינקן אויער. ער האָט א רעווע געטון, ווי א פארוואונדעטע חיה און זיך ארויסגעריסן פון אונטער אירע שטארקע הענט.

— דו ביזט א גוטער יאָלד... נאָר א וויטישער... טא גאָ דיר אן אנ־דענק פון מיר, האָט זי אנגעוויזן עפעס אף זיין באק.

מיט אן אויפלויכטנדיקן פנים האָט זי אים געקלאפט אין דער פלייצע און זיך געקאטשעט פון געלעכטער:

— ווי האסטו דאס געזאגט אף יענע? לעגאלע ביישלעפערנס... כא, כא, כא... — — — — —

דעם גאנצן וועג ביז צו זיין צימער האָט בערנמאן געפילט א טיפן ווייטיק אין דער באק, ער האָט אין געאייל זיך גענומען אויסטון די מלבו־שים, געוואלט וואס גיכער זיך לייגן שלאָפן און זיין שטארער מידער בליק איז געפאלן אפן אנטקעגנאיבערדיקן שפיגעלע, וואס איז געהאנגען אף דער וואנט.

ער האָט דארט דערזען, הארט נעבן דעם לינקן אויער, א ברוינעב פלעק.

בערנמאן האָט אף גיך אפגעווענדט פון דארט זיינע אויגן, געווארפן פון זיך אין אומארדנונג די זאכן און זיך ארייגעשליידערט אָן אָטעם אין בעט.

ער האָט מיט וואכע אויגן געחלומט פון א ווייט, קליין פויליש שטע־טל, א ווארימע אויסגעשטערנטע זומער נאכט, א לבנה קוקט אראפ מיט א ווייסן אויג אף א צוגעטוליעט פארליבט פאָרל, וואס איז געקומען זוכן שוץ פון נייגעריק־זשעדנע מענטשישע בליקן אין צעפלאסענער מילכיקער ליכטיקייט ערגעץ אונטערן שאטן פון אן אלטן לינדנבוים.

ווייך איז דאס גראז אף דער ערד און זאפטיק; פריש, ווי די אראפ־

הענגענדיקע צווייגן פון בוים זיינען די צעשפרייטע ארעמס פון דער געליבטער, אירע הענט קלאמערן זיך ארום זיין האלדז, דריקן זיך צו מיטן גאנצן יוגנטלעכן פייער, ווי וועלנדיק אים דערווארעמען און טיף פארטראכטע שווארצע אויגן קוקן אים אריין אין דער נשמה.

— ווּעסטו מיך טאקע אייביק ליב האבן? — פרעגט ער, און זיין פנים ווערט פאראומעטיקט.

— דו צווייפלסט נאך אין מיר? טייערער מיינער... — אירע אויגן צעעפנען זיך מער, דערווארעמען אים און באלד פילט ער א לאנגן, גאר לאנגן ווייטיקלעכן קוש אפן באק, הארט נעבן לינקן אויער...

א שטילער געוויין באגלייט דעם קוש.

— כ'שווער דיר אייביק ליב צו האבן... אייביק, אייביק... אייביק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פארביי זיינע אויגן האט פארביינעשוועבט א באקוועמער, רייכער שלאף צימער. טונקל־גרין איז דאס שווערע זיידנס פון די פארהאנגען, א ראזע ליכטיקייט פאלט אראפ פון אבאזשור און באשיינט א יונג פארל, ערשט נאר וואס נאך דער חתונה, די זעלבע נעקרויזטע האר, מאטע, קילע באקן און צעפינקלטע אויגן.

זי קושט מעכאניש דעם רייכן מאן און שעפטשעט אים אין אויער פון אייביקער ליבע... — — —

בערגמאן האט געציטערט. איבערן לייב איז אים אדורכגעלאפן א מאדנע אומאנגענעמע קעלט, ווי ס'טרעפט אין א רעגנדיקער דורכגעווייקטער הארבסט נאכט...

ער האט זיך דערשראקן פאר די ווילדע חלומות און אין פיבער פון זיין נשמה האבן זיך אים געפלאנטערט בילדער פון דער אלטער היים, פארדעטערישער געליבטער און אומגליקלעכער זונה... ער האט צונויפגעקוועטשט א פויסט און געשלאגן אין דער לופט, ווי ער וואלט אן עמיצן געזוכט נקמה צו נעמען...

ער האט זיך פונסנייע דערזען ארומגעכאפט פון זיין אמאליקער געליבטער און געפילט אפן באק דעם פלעק פון אירע ליידנשאפטלעכע קושן.

א געוואַלדיקער צאָרן האָט אים אנגעכאפּט; ער האָט ווילד געפּאָכעט מיט דער האנט אַף יענעם אלטן פּלעק, ווי מען וויל אפּיאָגן פון זיך אַן עקלהאפטן ווארעם.

— גיי פון דאנען! — האָט ער געהעשעט פון כעס, — דו ביסט געווען פאַלש, דיין ליבע איז געווען א געמיינער ליגן... אוועק פון מיר!... שוין אוועק... אוועק...

מיט דער אנדערער האנט האָט ער פעסט צוגעדריקט דעם פרישן, זונהשן ברוינעם פלעק, ווי מורא האבנדיק אים אנצואווערן אין דער נאכט...

אַ דירה

גיטלער איז געקומען צולויפן מיט א פרייד. „ער איז — האָט ער דערציילט עסטערזאנען — געווען אין אן ארט, האָט ער געזען, אז ס'איז פאראן א צימער צו פארדינגען.״

בײדע זײנען באלד אהין אװעק, דעם גאנצן װעג זײנען זײ כמעט װי געלאָפן. זײ זײנען שטײן געבליבן פארן הויף פארמאטערטע און ניט דרייסט אהין ארײנגעגאנגען.

דאָס איז געװען א שמאָלער, לאנגער קארידאר, מיט א הארטן בעטאָנענעם דיל, פון װעמענס בײדע זײטן האבן זיך געצויגן טונקעלע דעפארטאמענטן. זײ האבן פארזיכטיק אנגעקלאפט.

געעפנט האָט זײ די באַלעבאסטע, א מיטליאָריקע פרוי, פון נידעריקן װאוקס, זײער א מיאוסע, מיט גראבע מענערישע שטריכן אויפן פנים. ס'האָט א בלאָז געטון אויף עסטערזאנען מיט גיטלערן א מאָדנע קעלט, זײ האָבן זיך דערפילט שטארק אומבאקװעם און פארשעמט. די פרוי איז, לויט איר האלטונג, געװען אלײן א מבין אויף איר אײגענער העסלעכקײט,— איז זי געשטאַנען נידערגעשלאגן און גערעדט צו זײ מיט א שטילן, װײכן און הכנעהדיקן קול:

— יאָ, א צימער? ביטע זײער, ביטע קומט ארײן!

דער צימער איז גראד געװען א באַקװעמער. מיט אן אָפענעם ברײטן ליכטיקן פענסטער און געמאלטע װענט.

— װעגן רואיקײט זאלן זײ ניט דאגהן — האָט אין זײ אײנגעטענהט די באלעבאסטע. איר מאן איז אן אָנגעשטעלטער. קומט ער א הײם ערשט אין אװנט. אינגאנצן איז זי דאָ מיט אײן קלײן מײדעלע.

הגם זי האָט זיך באמיט צו רעדן װײך, געװאלט דער טאָן זאל ארויסקומען אביסל קװיטשיק — איז עס איר גארנישט געלונגען. דער קול איז

געווען רוי און הארטלעך, געגרילצט אין די אויערן, ווי א שלעכטער סקריפּ.

ביידע חברים האבן זיך נאכאמאל איבערגעקוקט.

— וואס טוט מען? — האָבן זייערע אויגן שטום געפרעגט.

ס'איז שוין געווען דער לעצטער טערמין. א טאָג פאַרן ערשטן.

זיי זיינען שוין אויך מיד געווען פון אומזיסטן ארומזוכן. קיין גרויס חשק האבן זיי ניט געהאט. קיין ברירה איז אָבער אויך ניט געווען. דעמ־זעלבן טאָג האָבן זיי זיך אהין אריינגעצויגן.

ביידע, סיי עסטערזאן, סיי גיטלער, זיינען געווען בטבע, שטוב־זיצער. זיי האבן ליב געהאט נאָך דער ארבעט זיך אוועקזעצן פארטיפט איבער א בוך, אמאל פארבעטן צו זיך א חבר, און צוזאמען פארברענגען א געמיט־לעכן אוונט.

דער דרויסן, די קאפע, די גאס, דאס אלץ האָט זיי געלאנגווייליקט. זיי האבן פיינט געהאט דאס ווילדע גערויש און דעם טומל. נאָר באלד נאָך דעם ערשטן טאג, ווען זיי האבן זיך אריינגעצויגן אין דער נייער דירה, איז באַ זיי ביידן פארגעקומען א גרויסער שנוי. זיי האבן געפרואווט טון עפעס אן ארבעט און ניט געקענט. באזונדער האָט זיך יעדער ארויסגעלאזט אין גאס ארויס. לאנג זיך געבלאָנקעט אָן א ציל איבער די באלעבטע גאסן, דערנאָך האבן זיי זיך געטראפן א פּאָר מאָל נאָכאנאנד אין קאפע און זיך פארשעמט.

ביידע זיינען געווען שטארק אומעטיק און באטריבט, ווי געטראפן פון א גרויסן אומגליק.

שפּעט באנאכט האָבן זיי זיך אומגעקערט אהיים. דעם גאנצן וועג זיינען זיי געגאנגען מיט אראפּגעלאזטע קעפּ.

זיי האָבן אויף גיך זיך געלייגט שלאָפן און יעדער אין זיין ווינקל האָט שטיל געקרעכצט.

זיי האָבן אויף צומארגנס און אויך אין די ווייטערדיקע אוונטן זיך נישט געקענט דערהאלטן אין שטוב. ס'האָט זיי געטריבן אין גאס ארויס,

כדי צו פאריאגן פון זיך דעם אומעט, וואס די מיאוסע באַלעבאסטע האָט אױף זיי אנגעװאָרפן.

זיי האָבן דערפון ניט גערעדט. גלייך ווי א שטילער אָפמאך וואלט געשלאסן געוואָרן צווישן ביידן: זיך נישט שיטן זאַלץ אױף די אייגענע וואונדן.

איינמאָל האָט זיי באגעגנט א באקאנטער. זיי האבן זיך מיט אים שוין א לאנגע צייט נישט געהאט געטראָפן.

— וואו וואוינט איר? — האָט יענער אינמיטן רעדן א פרעג געטון — כ'וויס, כ'וועל צייט האבן, וועל איך צו אייך אריינקומען.

ביידע חברים זיינען געבליבן, ווי אָן א לשון. בלייבע, ווי די וואנט, האָבן זיי זיך דערשראָקענע איבערגעקוקט.

נאָך דאס האָט זיי געפעלט צו אלע צרות!

זיי קענען אים, ס'ארא ליץ ער איז... זיי האבן עפּעס געשטאמלט אונטערן נאָז, זיך אביסל פארלוירן און געשוויגן.

אומדערוואַרטעט איז זיי געשען א נס. עטלעכע וואָכן נאָכאנאנד זיינען געשטאנען הייסע, פארנע, זומער טעג. די באַלעבאסטע האָט זיך גענומען גרייטן ארויסצופארן אױף פרישע לופט.

— צו וואס דארף זי דאָ זיצן אין דער גרויסער שטאָט אױף אזא ברען, — האָט זי איינגעטענהט מיט גיטלערן — בשעת אירע קרובים פון קאמפּ באוואָרפן איר מיט בריוו?

— אוודאי, אוודאי, — האָט זיך גיטלער געאיילט צו געבן זיין הסכמה.

דערנאָך, ווען זי האָט זיך געזעגנט, און דעם טרעגערס קרעכצנדיקע טריט, אונטערן לאסט פון די שווערע וואליזעס, האבן זיך געלאָזט הערן איבערן הארטן בעטאָנענעם קארידאר, האבן ביידע מיט פרייד דערפילט, ווי א שווארצער וואָלקן איז פון זיי פארשוואונדן געוואָרן.

דער מאן איז אויך געווען צופרידן. פריער, ווען דאס ווייב איז געווען

אין שטוב, פֿלעגט ער ארומגיין א בייזער, אָנגעלאָדן אַף דער גאַנצער וועלט.

נאָך איר אוועקפֿארן, האָט ער זיך דערפֿילט פֿריי, ווי איינער, וואס פֿטרט א שווערע און מיאוסע קרענק. און זיין קיילעכדיקער, פֿולער פּנים איז געווארן אויפֿגעלויכטן.

ניט האָבנדיק וואו צו פֿארווענדן זיין גאנצע פֿריי־געבליבענע צייט, פֿלעגט ער אריינפֿאלן צו עסטערזאָנען מיט גיטלערן אַף א שמועס. א דיקער, פֿון מיטעלן וואוקס, מיט אן ארויסטאָרטשענדיק, אָנגעפּרעסן בייכל.

אינגיכן האָט זיך באוויזן א נייע צרה.

אָנטקעגנאיבער האָט געוואוינט זייער באַלעבאסטעס א שוועסטער. כלומרשט פֿלעגט זי אריינקומען געוואויר ווערן, וואס איר שוואָגער מאכט און דערווייל פֿארלייגט טענות מיט עסטערזאנען.

זי איז געווען א סאך מיאוסער פֿאר איר שוועסטער. פֿון בלייכן אויס־געמאגערטן, שווינדזיכטיקן פּנים, האָבן ארויסגעקוקט א פּאָר פֿארבלאָזע, קעצישע אויגן.

נאָר א באזונדער שוואכקייט האָט זי געהאט צו אינטעליגענטן. זינט זי האָט באמערקט די פֿיל ביכער און צייטונגען באַ די צוויי חברים אין צימער, האָט זי מער ניט געקאנט איינרוען.

— באַ איר אין שטוב, — האָט זי ערנסט גערעדט — קומען ארויף א סאך יונגע מענטשן און ס'איז פֿריילעך, בכלל איז זי זייער גערן מען זאָל קומען...

ביידע חברים האבן צוגעשאקלט מיט די קעפּ.

— לאָזט זיך נישט אזוי לאנג בעטן — האָט זי נישט באקומענדיק קיין ענטפֿער, אומזיסט געפּרואווט מיט אירע בלייכע, טרוקענע ליפּן קאָ־קעטיש א שמייכל צו טון...

ענדלעך איז די באלעבאסטע צוריקגעקומען.

געבראכט האָט זי מיט זיך צוגאסט א אינגערע שוועסטער. דאס איז גאָר געווען א שלאק. די מיאוסטע פֿון אלע.

זי איז געווען נאָך אַ יונגע, נאָר דער פּנים איז געווען אַזוי האַרט־הויטיק, טעמפּ און זויער, ווי בײַ אַ מיאוסער סאָווע.

פון די שמאָלע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ בייזלעכע גרינקייט.

אירע הויכע, דאַרע פיס, ווי טרוקענע העלצער, האָבן זיך כסדר אַרומגעשלעפּט איבער די חדרים און אָנגעווייט אַ מרה שחורה.

— „אחות לנו קטנה, ושדים אין לה" — האָט זיך אין זעלבן טאָג געוויצלט גיטלער. עסטערזאַנען האָט זיך נישט געגלוסט צו לאַכן.

—אוי, אַן אומגליק האָט אונז געטראָפן — האָט עסטערזאַן גע־קרעכצט.

— אַן אומגליק, אַן אומגליק, — האָט גיטלער באַשטעטיקט מיט טרויער.

אויף דער נאַכט האָט די באַלעבאַסטע זיי באַקאַנט מיט איר שוועסטער.

— קומט אַריין וועלן מיר שפּילן אַ שאַך — האָט זיך די אינגערע געווענדעט צו גיטלערן.

גיטלער איז געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט איבערן שאַך־ברעטל און ניט געוואָלט אויפהויבן די אויגן.

ער האָט געהאַלטן דערווייטערט די קניען, מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך נישט אָנרירן אָן דער מיידלס פיס, וואָס האָבן מאָדנע לאַנג אַרויסגע־שטאַרט פון דעם טיף דעקאָלטירטן און קורצן קליידל.

— איר קענט טשערניכאַוסקים אידיליעס? — האָט זי געפּרוּווט פאַרבינדן אַ געשפּרעך.

גיטלער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אַ קוק געטון אויפן מיידלס רויטן פּנים און קוים זיך באַהערשט ניט אַרויסצולאַכן...

פון ס'ניי האָבן ביידע חברים גענומען אַרומוואַנדערן אין דרויסן, אויסמיידנדיק די שטוב, ווי אַן אָנשיקעניש.

— וואָס גייט איר אַרום, אַזוי ווי אונטער דער ערד? — האָבן באַ־קאַנטע ניט געקענט פאַרשטיין.

— אפשר זענט איר נישט געזונט? — האָט עמיצער געפּרואווט מאַכן א רחמנות פּנימל.

— טאַקע, עפּעס אביסל נישט געזונט, פאַרקילט... — האָבןביידע מיט א האַלבן מויל ארויסגעשטאַמלט, אראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד.

איינמאָל איז זייערער א באַקאַנטער געקומען צו זיי צו גאַסט.

די דריי שוועסטער זיינען ריכטיק געשטאַנען אין פּאַטיע און גערעדט. יענער איז געבליבן שטיין א געליימטער, גלייך, ווי ער וואָלט פאַר זיך פּלוצלונג דערזען דעם טויט.

אריינגעפאַלן איז ער צו זיי אין צימער, נישט טויט, נישט לעבעדיק. אז ער האָט זיך אביסל באַרואיקט האָט ער זיך אָנגערופן: זעט איר, דאָס איז שוין בנאמנות צופיל! דריי אזעלכע שלעק... מ'קען דאָך אויסגיין פון אומעט...

און קוקנדיק אף די באַטריבטע פּנימער פון גיטלערן און עסטערזאַנען האָט ער זיך געכאַפּט: נו, זייט קלוג, פאַרוואָס מענטשן זעען אויס שלעכט... און איז שטיל געבליבן.

דעמזעלבן אוונט האָבן ביידע חברים לאַנג געשפּאַצירט איבער די גאַסן. ס'איז געווען אין א זונטיק.

די טראַטוארן האָבן זיך געבאָדן אין ליכטיקייט פון די פול קאָלירטע עלעקטרישע רעקלאַמעס.

פון די קאַפעען האָט געשטראָמט מוזיק און פרייד.

פאַרביי זיי האָבן דורכגעשפּאַצירט אין א טאַנצנדיקן טראַט שטאַרק געאַרמטע פּאָרלעך.

יונגע אָנגעפּודערטע מיידלעך האָבן פאַרקלונגען די גאַס מיט זייערע פריילעכע, הילכיקע געלעכטערס. געוועקט א נאָגעניש באַם האַרץ און א בענקשאַפט נאָך פרויען־צערטלעכקייטן.

ביידע חברים האָבן דערפילט א שטאַרקן דורשט צום לעבן, און ווי פאַרשיכורט פונם ארום, געשטעלט האַלב־וואַקלענדיקע טריט.

און פּלוצלונג האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן די דריי מיאוסע פרויען, וואָס דרייען זיך כסדר נעבן זיי און זיך דערפילט שטאַרק אומגליקלעך.

— ווייסט — האָט גיטלער זיך אָנגערופן נישט דרייסט צו עסטער־זאָגען, — כ׳מיין, אז מיר דארפן טוישן די דירה.

— יאָ, יאָ, האָט עסטערזאָן זיך דערפרייט. כ׳האָב דיר שוין לאנג עס אינזינען געהאט צו זאגן.

אף צומארגנס האבן זיךביידע חברים געוויזן אין גאס שטאַרק צופרידן און האָבן נישט אויפגעהערט צו לאכן. באקאנטע האבן זיך געחידושט, און אויף אלעם האָבן זיי געהאט איין ענטפער:

— געביטן די דירה.

אַפּגעזאָגט פון פּאָסטן

ווען ביילקין איז געקומען אהיים, האָט ער געפֿונען אפֿן טיש א בריוו. ער האָט שנעל אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לויפֿן מיט די אויגן איבער די שורות.

ער האָט זיך דערפֿרייט: ס'איז געווען אן ענטפֿער אף זיין שריפֿטלעכן אָנבאָט צו דער תּלמוד תּורה.

ער האָט גענומען הויך אפֿן קול לייענען די קיילעכדיק־אָפּגעטאָקטע אותיות: „איר ווערט איינגעלאדן צו קומען דינסטיק אין אוונט, ניין אזייגער פּונקטלעך, אף א קאָמיסיאָן זיצונג פֿון דער תּלמוד תּורה, וואו עס וועט באהאנדלט ווערן אייער קאנדידאטור און די קאָנדיציעס".

און סאמע אונטן איז, מיט דראבנעם כּתב, געווען צוגעשריבן:

„נאטא: פֿארגעסט ניט מיטצוברענגען אייערע דאקומענטן און לער־רער־צייגניש".

דעם גאנצן טאג איז ביילקין ארומגעגאנגען מיט א פֿרייד אין הארץ:

— נו, איצט וועט שוין מן הסתּם נעמען א סוף צו אלע צרות. — אזוי האָט ער געטראכט און א גליקלעכער שמייכל האָט זיך צעלייגט אף זיין פּנים.

פֿאר די עטלעכע חדשים, וואס ער האָט זיך ארומגעדרייט ליידיק, איז ער געווארן א שרעקלעכער בעל־חוב. אומעטום איז ער שולדיק געווען און דעם פּנים זיך ווייזן געשעמט.

— איצט — האָט ער געטראכט — וועל איך מיר א נעם טון סילוקן די חובות... אנו, לאמיר טאקע באלד פּרוּוון מאכן א חשבּון.

און ביילקין נעמט שטעלן ציפֿערן. „קודם כּל —" זינגט ער מיט א ניגון ארויס — דארף מען באצאלן אין רעסטאראן, דערנאך דעם אלמאַ־סענערא, דערנאך דירה־געלט... דערנאך... דערנאך... און וואו זיינען די פּריוואטע בעל חובות?—

און די ציפערן וואקסן און וואקסן... און גרויס ווערט זייער צאל, אז ס'נעמט ביילקינען שווינדלען אין קאפּ...

א צעבעסטער שליידערט ער פון זיך אוועק דעם בלייפעדער מיטן חשבון, זיפצט אפּ און באלד דערנאך טרייסט ער זיך:

— עט, כ'וועל זיך שוין אן עצה געבן...

און גרינג דערפילט ער זיך מיטאמאל, גרינג, ווי ס'טרעפט בא א מענטשן נאך א לאנגן געוויין... און גוט איז אים איצט אף דער נשמה און לייכט...

דער פיינלעכער אומעט, וואס האט אים ביז אהער שיר ניט דערדריקט פון גרויס צער, ווייל ער, ביילקין, באדארף אנקומען צו „טובות" און לויפן זיך משתדל זיין בא גבאים א פּאסטן ערגעץ אין תלמוד תורה צו קריגן — איז אינגאנצן פארשוואונדן און צעשוואומען, ווי א דורכזיכטיקער נעפּל.

ער האט אין זיך דערפילט נייע, שטראמענדיקע כחות, וואס וועקן אים צום לעבן, צום גליק.

פונקטלעך ניין אזייגער איז ער שוין געווען אפן אנגעגעבענעם אדרעס. קיינער פון די קאמיסיע־מיטגלידער איז נאך ניט געווען. ביילקין איז ארויס־געגאנגען אין דרויסן און אוועק זיך דורכשפּאצירן לענג־אויס דער גאס. ס'איז געווען א קילער אויסגעשטערנטער אוונט. בא די טירן פון די ני־דעריקע הייזער זיינען געשטאנען פּארלעך און זיך ענג איינער צום אנ־דערן געטוליעט. פון ערגעצוואו האט זיך דערטראגן א שטיל, פארליבט שעפּטשען. ערגעצוואו האט א קלינגענדיקער קוש זיך אויסגעמישט אינאיי־נעם מיטן גאס־געטומל און פארשוואונדן אונטער די רעדער פון די זיך יאגנדיקע אויטאס און טראסקענדיקע טראמווייען.

די קיילעכדיקע לבנה, ווי א בלייכער מעלאן, האט שעלמיש געשמייכלט. בא איר איז דאס אלץ קיין נייס ניט געווען... ביילקין איז געגאנגען מיט געמאסטענע טריט, וועלנדיק אזוי ארום פארלענגערן דעם וועג. א מאדנער אומעט איז אים באפאלן. ס'האט א בלאז געטון אף אים א כוואליע זכרונות פון יענע שטעטלדיקע היימישע פארנאכטן. א נאגעניש האט

אים אָנגעכאַפּט באַם האַרץ. ער האָט זיך דערפילט פלוצים שטאַרק עלנט אין דער פרעמדער שטאָט. איצט, זיך צוקוקנדיק צו די פאַרליבטע פּאָר־לעך, האָט ער זיין איינזאַמקייט בולטער דערפילט...

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט שוין אַ העלער פאַרמאַכטער אויטאָ געוואַרט פאַרן טויער פון דער תלמוד תורה.

אין טיר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ רייך געקליידעטן הער, זיך פאַרשעמט און געבעטן אַנטשולדיקונג. דאָס איז געווען דער פּרעזידענט. אַ הויכוואַוקסיקער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי אַ נייער אָפּגעפּוצטער שוך, האָט ער זיך געאיילט איבער דער „פּאַטיאָ" צום זייטיקן צימער, וואו ס'האָט זיך צונויפגעקליבן די קאָמיסיאָן.

אַלע זיינען שוין דאָרטן געווען אויסגעזעצט אַרום אַ ברייטן, דעמ־בענעם טיש, אויף וועלכן ס'זיינען אָן אַ סדר געלעגן פאַנאַנדערגעוואָרפן פאַרשידענע פּאַפּירן און שרייב־געצייג.

— ביטע, ביטע, קומט אַריין. — האָט זיך געווענדעט צו ביילקינען איינער אַ גראָער, עלטערער מענטש און אָנגעוויזן אים אַ שטול צו זיצן.

דער פּרעזידענט האָט געעפנט די זיצונג. ס'איז אַוועק אַ לאַנגער שמועס אין שפּאַניש, פון וואָס ביילקין האָט ווייניק פאַרשטאַנען. נאָר פון איינצלנע ווערטער, וואָס זיינען צו אים דערגאַנגען, האָט ער זיך משער געווען, אַז דאָס באַהאַנדלט מען קהלשע פּאָליטיק.

דער זעלבער גראָער מענטש, וואָס האָט אים, ביילקינען, געהייסן פאַרנעמען פּלאַץ, איז געווען דער הויפּט רעדנער.

ביילקין האָט באַטראַכט די אַנוועזנדיקע און זיך קוים איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן אין אַ געלעכטער.

דער גראָער מענטש מיטן ווייסן האָריקן קאָפּ האָט געמאַכט קאָמישע באַוועגונגען און שטאַרק זשעסטיקולירט מיט ביידע הענט, וועלנדיק אַלע־מען איבערצייגן.

מיט די בולטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט שטאַר פאַר זיך, ווי בײַ אַ פיש, האָט ער געהאַלטן אין איין קוועטשן אַרויף און אַראָפּ.

אנטקעגן אים איז געזעסן א זקן מיט א קורץ ארומגעשוירן בערדל. די גאנצע צייט האָט ער געהאַלטן אין איין באַוועגן מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט עפּעס געקייט.

אין מויל האָט ער גאָרנישט געהאַט. דאָס האָט ער בלויז די צונג גע־קייט און, ווי א חולהוואַטער פערד, געטשמאַקעט מיט די ליפּן. דער קאָפּ זיינער האָט זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען — לויטן טאַקט פון גראָענס רייד. דאָס האָט געזאָלט באַטייטן, אַז ער איז פולשטענדיק מסכים מיט יענעמס אויספירונגען.

פאַררוקט אָן א זייט, כמעט אין ווינקל, איז זיך געזעסן א דריטער, א הויכער, א סאַך העכער פאַרן פּרעזידענט, אַזוי, אַז זיין קאָפּ האָט זיך ארויסגעזען פון איבער אַלע, ווי אַן ארויסשטאַרטשנדיקער פלאָקן.

ס'איז אין אים קענטיק געווען, אַז ער איז דער אָרימסטער פון אַלע, ווייל צו אים האָט מען זיך מיט גאָרנישט געווענדעט.

אויף זיין לאַנגער, בויגן־אַרטיקער נאָז, האָבן זיך מיושבדיק געריטן א פּאָר בילקע, ווייס־געדעמלטע ברילן, פון וועלכע ס'האָבן ארויסגעקוקט תמעוואַטע, שטילע אויגן מיט א הכנעהדיק בליק פון א געשלאָגענעם הונט.

ביילקין האָט זיך נישט געהאַט וואו אהינצוטון. זיין בליק האָט גע־בלאָנדזשעט פון וואַנט אָפּן טיש, פון טיש אויף די פּנימער פון די קאָמיסיע־לייט און נישט געוואוסט וואו צו בלייבן שטיין. ענדלעך איז ער געפאַלן אויף א געדרוקט ביכעלע, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן טיש.

ער האָט עס גענומען אין האַנט און געפּרוּווט לייענען. ס'איז געווען אין שפּאַניש. פון אויפשריפט און ציפערן האָט ער געזען, אַז דאָס זיינען די סטאַטוטן פון דער תלמוד תורה.

א מאָדנער געפיל האָט אים ארומגענומען:

— „מ'שעמט זיך דאָ מיט אידיש" — האָט ער געטראַכט און זיך פאַררויטיקט, נישט וויסנדיק פאַרוואָס. ער האָט זיך דאָ דערפילט שטאַרק פרעמד און געפאַלן.

דער שטול איז פאַר אים געוואָרן ענג און אומבאַקוועם. ער האָט זיך

א פּאָר מאָל אויפגעשטעלט און זיך ווידער אנידערגעזעצט. ער האָט גע־נומען פון דער נאָענט באטראכטן די בילדער און דערנאָך מיט עקשנות ארייגעקוקט אין א צייטונג, וואס ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע.

יאָ, מען האָט גערעדט צו אים. ער האָט זיך כמעט, ווי דערשראקן אזוי ווייט זיינען געווען זיינע געדאנקען פון דאנען.

ער האָט דערלאנגט זיין לערער־צייגניש, וואס ער האָט געקראגן אין פוילן, אין דער שול, וואו ער האָט געלערנט.

דער פרעזידענט האָט זי גענומען אין האנט די צייגניש, באטראכט די פאָטאָגראפיע און געדרייט הין און צוריק. ער האָט זיך מיט די אידישע ווערטער ניט געקאנט קיין עצה געבן, פונקט פארקערט האָט ער זיי אויס־געדרייט...

ארויסגעהאלפן האָט אים דער גראָער קאָמיסיע־מיטגליד. פארזיכטיק האָט ער ארויסגענומען די ברילן פון קעשענע, געלאסן אויסגעווישט מיט א ווייס טיכעלע, ארויפגעזעצט אפן מיטן נאָז און גענומען ציילן די ווערטער, ווי א קארגער, ווען ס׳קומט אים אויס צו צאלן א חוב... זיינע אויגן האבן גענומען פינטלען ארויף און אראָפּ און פון גרויס אנשטרענגונג האבן זיך באוויזן בא אים אפן שטערן גרויסע טראָפּנס שוויים.

— דער יונגערמאן איז געווען א לערער אין פוילן, — האָט ער ענד־לעך געגעבן צו פארשטיין די קאָמיסיאָנס מיטגלידער.

דער אנטקעגן אים זיצנדיקער זקן האָט אלץ געקייט זיין צונג אלס צייכן פון הסכמה...

אהיימגעפארן איז ביילקין שפּעט באנאכט. ס׳האָט שוין געמוזט זיין גאָר שפּעט. איבער די גאסן האבן זיך געיאָגט האלב־ליידיקע טראמווייען און אָנגעפולט מיט געטומל די ארומיקע פּוסטקייט. ביילקין האָט זיך גע־זעצט באם פענצטער און געקוקט אף די פארביילויפנדיקע מויערן. די באַקן זיינע האָבן אים געפלאמט פון חרפה. דאס ערשטע מאל האָט ער גע־זען, מ׳זאָל זיך באציען צו אים מיט אזא גרינגשעצונג.

זיי האבן אים גארניט געפרעגט. זיי האבן דיקטירט א נידריקן פרייז, א הונגער־לוין, און ווי ער וויל זיך...

— פאר א „גרינעם" איז עס גענוג — האט געגעבן צו פארשטיין אף שפאניש דער פרעזידענט, דער זעלבער גראָער מענטש, וואס האט איבערגעלייענט זיין צייגניש און געקוועטשט מיט די אויגן.

— א „גרינער", א „גרינער"...

די ווערטער האבן איצט געקלונגען אין זיינע אויערן פון דער גאסן־פוסטקייט ארויס. ס'האט אים ניט פארדראסן דער קליינער פרייז. ביילקין איז ניט געווען קיין געלט ליבהאבער און געוואוינט געווען צו פירן אן ארים לעבן.

אין דער היים אין שול האט ער זיך אויסגעלערנט צו הונגערן. אבער וואס פאר א פארגלייך?

דאָ האָבן זיי אים צומאל די האנט ניט געגעבן. געלאזט ווארטן א פאָר שעה, ביז וואנען זיי וועלן פארענדיקן זייער פאָליטיק... ער האט גע־דריקט די באקן צו דער פייכטער שויב און קוים זיך איינגעהאלטן פון וויינען.

ס'הארץ האט זיך בא אים פארקלעמט און געדוכט האט זיך אים, אז ער איז איצט דער אומגליקלעכסטער אף דער גאנצער וועלט...

מיט א בריוו אף שפאניש איז ביילקין אריינגעקומען אין תלמוד תורה.

ס'איז געווען באטאג.

דורך די פארשטויבטע, מיט פליגן באדעקטע פענסטער, האט אריינ־געשיינט א רויטע זון, ווי א צעצונדענער גלי־לאמפ, געווארפן געלע פלעקן אף די חושכדיקע ווענט, אף דעם בלאָטיקן פאָל און מאָדנע באלויכטן די פנימער פון די תלמידים מיט זייער רבין.

דער רבי, אן איינגעבויגענער אלטיטשקער, ווי א טויב וויים, איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טישל און מיט עפעס שטארק געווען פאר־נומען.

דערזעענדיק דעם אריינקומענדיקן יונגנמאן, האט ער זיך פארשעמט

און באהאלטן אף שנעל דאס פעקל טאבאק מיט גילזן. ער האָט געקוקט מיט בייזקייט אף ביילקינען, וואס האָט אים געשטערט דאס מאכן פאפי־ראָסן.

ביילקין האָט אים שווייגנדיק דערלאנגט דעם בריוו און גענומען באַ־טראכטן די תלמידים.

ס'זיינען געווען א צען, צוועלף קינדער.

אף די צעבראכענע בענק זיינען זיי געזעסן מיט צעריסענע סדורים אין די הענט. „דאס איז עס די תלמוד תורה" — האָט ביילקין געטראכט, ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאנט גלויבן, געמיינט ס'איז א טעות. פאר זיינע אויגן האָט געשוועבט א בילד פון זיין ארים פויליש שטעטל, דער חדר, וואו ער האָט פארבראכט זיינע קינדער־יארן.

עפעס אזא אומעט האָט איצט געבלאזן אף ביילקינען פון דעם טונ־קעלן צימער, פון צעקנייטשטן רבין און פון די פאָר קינדער, וואס האבן מיט נייגיר געקוקט אף אים. איין רגע איז אים דורכגעלאפן א געדאנק אין מח: „וואלט ניט גלייכער געווען זיך אויסדרייען צו דער טיר און אוועקגיין?.. סתם אוועקגיין... ווייל וואָס האָט ער דאָ צו טון, ביילקין?"

נאָר בלויז א רגע האָט עס בא אים געדויערט, איין רגע, ווייל וואוהין צו גיין האָט ער ניט געהאט.

דער אלטיטשקער האָט צו אים עפעס גערעדט. פון זיין פארדרויכערט מויל האָבן ארויסגעקוקט שווארץ־געלבלעכע ציין, ווייט אָפגערוקט איינע פון די אנדערע, ווי בא א שעפס.

— נאָך היינט דארף ער אוועקגיין — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א נידעריק געפאלענעם קול. אזוי שטייט בפירוש געשריבן אין בריוו, ער זאל דעם נייעם לערער, ביילקין, איבערגעבן די תלמוד תורה מיט די ביכער.

א רחמנות האָט אָנגענומען ביילקינען, זעענדיק דעם ארעמען אל־טיטשקן, ווי ער שטייט פאר אים נידערגעשלאגן.

ס'האָט זיך פון זיין הארץ געריסן א געוויין. ער, ביילקין, וואלט אזוי וועלן איצט א רעווע טון דורך די פארקריצטע ציין פון ווייטיק און פאר־דרוס אף זיך, וואָס ער קומט איצט צונעמען דאס ברויט בא אַן אנדערן.

— זאגט דעם אמת — האָט ער זיך אנגערופן — זייט איר ניט אין כעס, וואס איך פארנעם איצט אייער פּאָסטן?

דער אלטיטשקער האָט גענומען ריידן געשווינט.

— חלילה... ער איז נישט אין כעס. ער וואלט שוין סיי ווי אוועקגעגאנגען. ער האָט בלויז געווארט אף עמיצן, וואס זאל קומען פארטרעטן זיין אָרט.

— כ'האָב דאָ קינדער, — האָט ער ניט געלאזט ביילקינען קיין וואָרט ארויסרעדן, — זיי בעטן מיך שוין לאנג כ'זאָל בא זיי זיין.

ביילקין האָט אף אים אלץ געקוקט, געשטאנען, ווי א שולדיקער און ניט געוואוסט, וואס ער דארף טון.

— ביטע, זיצט. — האָט זיך צו אים אָנגערופן דער אלטיטשקער און דערלאנגט א שטול. ר'האָט זיך געוואלט באווייזן מיט דער קענטניש פון די תלמידים און ארויסגערופן פון אָרט אן אפגעריסן אינגל מיט א פארשארצט רויט נעזל.

— קום נאָר אהער, וועלוועלע, — האָט ער זיך געווענדעט צום קינד —זאָג נאָר מיר, פארוואס האלטן מיר דעם יום טוב פסח?

— פסח... פסח... ע, רבי, ווייל... ווייל... ר'איז פון צעטומלעניש געבליבן א ווײַלע שטיין און, הגם ער האָט קלאר געוואוסט דעם ענטפער, האָט ער דאָך געטראכט, פינטלענדיק מיט די אויגן, — ווייל די אידן זיינען ארויס פון כנען — האָט ער מיט פרייד פארענדיקט.

— פון וואנען? — האָט דער אלטיטשקער א בלייכער איבערגעפרעגט, --פון וואנען האסטו געזאגט?

אלע קינדער האבן געלאכט.

— ער האָט געוואלט זאגן: פון מצרים, רבי, האָט זיך אויפגעשטעלט א גרויסער בחור, וואס איז געזעסן אין עק צימער איינער אליין אף דער באנק.

— גיי אף דיין אָרט, וועלוועלע, — האָט זיך דער אלטיטשקער געווענדעט צום קינד, וואס האָט פון שרעק געציטערט קלאַפּנדיק א צאָן אָן א צאָן.

— ראובן, ראובן זאלצשטיין, קום נאָר אהער!

— דערציילזשע מיר פון חנוכה.

דאס אינגל האָט געגומען זאָגן, ווי א פזמון.

— גיי אף דיין ארט, — האָט דער רבי מיט צופרידנהייט אים אָפּ־געלאָזט. ביילקין איז געזעסן אפן שטול, געקוקט און כמעט קיין זאך ניט געזען. ס'האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ, געדרייט זיך עפּעס, ווי א ווינט. ער האָט געקוקט אף די קינדער ווי זיי לייענען דעם סדור, פליסן זיך פאר אים, ער זאל הערן — און מאָדנע באקאנט איז עס אים אויסגעקומען דאס בילד.

ר'האָט זיך אויפגעכאפּט, ווי פון שלאָף.

— נאָט אייך דעם בוך פון די שילער, האָט אים דער אלטיטשקער מיט א גוטמוטיקן שמייכל דערלאנגט א שווארץ טאָוולדיקן ספר.

ביילקין האָט גארניט געוואלט טראכטן. ער האָט געזען ווי זיין נשמה קריכט אריין אין זומפּ, וואס אמאל אלץ טיפער און טיפער, און א מאָדנע אפּאַטיע האָט אים באהערשט, פונקט ווי ס'טרעפט א מענטשן, ווען ער פארפלאָנטערט זיך אין א נעץ און פרואווט זיך מער ניט ארויסרייסן, זעענדיק, אז די גאנצע אנשטרענגונג זיינע איז אומזיסט.

ר'איז שוין א צייט לערער אין תלמוד תורה.

און וואס?

וויפיל באליידיקונגען איז ער שוין פאר דער צייט אויסגעשטאנען? וויפיל מאל האָט מען שוין אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ער פירט זיך צו פריי, אז ער באדארף ניט גיין אין בלויזן קאָפּ און ניט לערנען קינדער וועגן אידישע שרייבער...

אָפטמאָל, באנאכט, פלעגט ער זיך דרייען אפן געלעגער פון איין אָרט אפן צווייטן, ניט געקענט אנטשלאָפן ווערן. פון די ווינקלען ארויס האָבן זיך, ווי שווארצע שאָטנס, גענומען קנוילן ארום זיין מוח מאָדנע געדאנקען, געפייניקט, געקערט אינווייניק, געביסן, ווי גיפטיקע שלאנגען... צוליב דעם האָט אים געלוינט פארלאָזן די היים און קומען אהערצו, ווערן א מלמד אין א תלמוד תורה?

אין דער פאַנטאַזיע האָט ער זיך געזען אין יאַרן אַרום: אַן איינגעבויגענער ווי יענער אַלטיטשקער — און האָט אויפגעציטערט אינגאַנצן. ער איז פריער אַזוי ווייט געווען מיט זיינע מחשבות פון זיין איצטיקן עלנטן גורל. ער האָט אַזוי פיל האָפנונגען געלייגט אַף דער אויסוואַנדערונג. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַף יענער זייט ים וועט ער קענען לעבן פריי לויט אַלע זיינע פאַרלאַנגען, — אויב נישט צוליב דעם, נאָך וואָס דען איז ער געקומען דאָ אַהער?

ער האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פאַרנומען אַלע באַלייידיקונגען און בטול־בליקן פון די קאָמיסיאָנס־מיטגלידער, רייכע קוענטעניקעס און גרויסע עמי־הארצים.

— זיי גייען מיר לערנען, וואָס מען מעג און וואָס מ׳טאָר נישט... האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ כעס, וואָס איז אַלץ מער אין אים געוואַקסן.

איינמאָל האָט ביילקין באַקומען צוגעשיקט דורך פּאָסט אַ בריוול: ער מוז אומבאַדינגט היינט קומען אַף דער זיצונג. ס׳האָט אַף אים געוואַרט שוין די גאַנצע פאַרוואַלטונג.

דער פּרעזידענט איז ניט געווען און דעם פּאָרזיץ האָט געפירט דער גראָער מיט די פינטלענדיקע אויגן.

אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדעט צו אים. מ׳האָט געוואַרט ער זאָל זיך נעמען פאַרטיידיקן.

ביילקין איז געזעסן און געשוויגן. ער האָט אומישנע, אַף להכעיס געשוויגן.

— זאָגט מיר נאָר, יונגערמאַן, — האָט זיך דער גראָער מער ניט געקענט איינהאַלטן, — איז אמת, אַז איר האָט ניט געוואָלט לייגן מיט אַ קינד תפילין?

— יאָ, אמת, — האָט ביילקין געענטפערט. היינט איז צו מיר געקומען אין קלאַס אַ אינגל, איך זאָל מיט אים לייגן תפילין און אויסלערנען די ברכות. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין ניט קיין מלמד...

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט.

— הייסט עס — האָט דער, וואס איז גוועזן אנטקעגנגאיבער און געקייט דעם צונג, זיך אָנגערופן — הייסט עס, אַז איר ווילט ניט זיין בא אונז קיין לערער.

— א לערער — יאָ, אבער ניט קיין מלמד, —האָט ביילקין דרייסט אים אָנגעקוקט, פון וואס יענער איז צעמישט געווארן און אף א רגע אויפ־געהערט צו מעלה־גרהן.

ביילקין האָט זיך געזען, ווי געפאנגען אין א שטייג, ארומגערינגלט פון א בינטל גראָבע יונגען, און א כעס האָט אים אָנגענומען.

— איר ווילט מיך דערנידעריקן, איך זאל בא אייך האָ ווערן א תלמוד־תורה מלמד, בענטשן ציצית און לייגן תפילין? ניין, דאס וועט איר ניט פועלן.

ער איז רויט געוואָרן און מיט אן אויפגערעגטן קול, אין וועלכן ס'האָט זיך געפילט די איבערפולטע מאָס פון באליידיקונגען, האָט ער אלעמען גע־שמיסן מיט הארבע רייד.

— איר ווילט איך זאל לערנען דאוונען, יאָ? אָבער פארוואס דאוונט איר אליין ניט? פארוואס רוט איר ניט אום שבת און גייט קאַווירן אייערע טאַרבעטלעך?

איר ווילט פון מיר מאכן א צבועק?... דאס ווילט איר?..

זיינע רייד האבן אלעמען איבערראשט, קיינער האָט אים ניט געוואגט צו ענטפערן. זיי האָבן זיך דערשראקן איבערגעקוקט, זיך פארלוירן אונטער זיין שארפן בליק און געשוויגן.

דער זקן האָט אינגאנצן אויפגעהערט צו קייען דעם צונג און מאָדנע געקנייטשט דעם שטערן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט מען אים געמאלדן: לויטן באשלוס פון דער קאָמיסיאָן, ווערט ער, ביילקין, אָפּגעזאגט פון פּאָסטן.

מיט אייליקע טריט איז ער ארויס אפן גאס. לאנג האָט ער געשפּאנט,

געוואלט באטראכטן די איצטיקע לאגע זיינע. בויען פלענער אף ווייטער, זען, וואס ער האָט צו טון. ער האָט געוואלט זיין ערנסט און אומעטיק, נאָר ניט געקענט. א פרייד, אן אומבאשרייבלעכע פרייד האָט אים ארומגע־כאַפּט. ער איז געגאנגען טאנצנדיק און פאר זיינע אויגן האבן זיך אין א פייערדיקן ראד געדרייט די פינקלדיקע ווערטער: — אָפּגעזאגט פון פּאָסטן...

אַ טרייסט איז אַ רויטלעכן פֿאַרנאַכט

זונטיק. איבערן הויף, וואו שפּירא האָט געוואוינט, איז געלעגן אויסגע־גאָסן אַ מאָדנע רואיקע שטילקייט. אפילו דעם דינסט־מיידלס פאַרבענקטע וואלגאַ־נגונים, וואס הויבן זיך תמיד פון קיך, דורך די געדרייטע בלאָטיקע טרעפּלעך, אין זיין ענגן בחורשן צימער אריין, אָנפילנדיק דעם חלל מיט אַביסל דאָרפישער פרייליכקייט, הערן זיך איצט ניט. דאס דערמאָנט איצט שפּיראן, אז אַלע, אַלע, אויך די קליינגעוויקסיקע, דיקלעכע שיקסע מיט דעם תמעוואַטן קעלבערנעם פּנים זיינען זיך געגאַנגען ערגעץ־וואו פאַרווײלן.

איז ער, שפּירא, אַזוי שטיין געבליבן אין דער נאָכמיטיק שעה, הארט באַם פענסטער, מיט אַן ארויפגעריסענעם האלז אין דער הויך, ווי אַ האָן ערב דער שחיטה, געגלאָצט די אויגן ארויס אין דער ווייט, באַנומען מיט זיין בליק אַ שטיק שטאָט, וואו, פּונקט ווי אויף אַ קוביסטישן בילד, זיינען געלעגן אָנגעשאָטן רויטלעכע דעכער פון מויערן, אויסגעמישט מיט גרינס פון פּלאַסעס און שורות בוימער אין איין צוזאַמענגעדרייטן פאַרפּלאָנטער־טן קנויל און אין מיט גילדט זיך אַ צלם פון אַ קלויסטער, און זיך גע־ישובט:

גיין אין קאַפע, אָדער נישט?

געבליבן איז בא אים, אז נישט, בשום אופן ניין.

ס'האָט אים שוין געשלאָגן צו דער גרינער גאַל די דאַרטיקע פוסט־קייט, די כלומרשט טיפזיניקע און אינהאַלטסרייכע דיסקוסיעס, וואס האבן זיך געריסן בלינד פון די געדיכט ארומגעזעצטע, צונויפגעשפּאַרטע טיש־לעך, וואו מענטשן־שאָטנס אויסגעווייקט אין נעפלדיקן רויך און שווארצע קאווע, האבן קאָמיש זשעסטיקולירט מיט אַלע אברים איבער הויכע, גאָר הויכע פראגן, פון ליטעראַטור, פּראַלעטאַרישקייט א. א. וו. א. א. וו.

„דאַרט אין קאַפע — האָט שפּירא געטראַכט — איז איצט געפּאַקט,

א קאַפּ אַף א קאַפּ. מענטשן לויפן ארום צווישן די טישלעך, פארשמאַיעט, מיט זוכנדיקע, פארדאגהטע פנימער, צו געפינען ערגעץ־וואו א ליידיקן שטול" — און פארביי זיינע אויגן האבן דורכגעשוועבט אלע געשטאלטן פון זיינע באקאנטע. —

— איבעריקנס, פארוואס טאקע נישט? — האָט ער שמייכלענדיק צו זיך אליין ווי זיך אונטערגעגעבן.

— ס'הייסט: א ליטערארישע קאפע... סך הכל 10 סענט א טעפּעלע יאַפּאַנישע קאווע. קומען מענטשן פון אלע עקן שטאָט זיך אָנשטעקן פאר א קליניקייט מיט אלע הויכע, איבערערדישע ענינים פון קונסט, ליטערא־טור, פילאָזאָפיע... פּשוט א מציאה.

ער האָט זיך צעשמייכלט, פארגאנגען אין א זויערן, דריבנעם געלעכ־טערל און פאַמעלעך, נאָר זיכער, געשפאנט צו זיין בעטל.

ליגנדיק אזוי האלב וואַך, האלב אין דרימל אפן געלעגער, זיינען שפּיראָן געקומען אפן זינען שטיקער פון זיין ליגנערישן לעבן, זיך גע־שטעלט אים הארט צוקאָפּנס און, ווי ענערגישע בעלי־חובות, געמאנט עקשנותדיק אן ענטפער.

ער האָט זיי געיאגט פון זיך, געטריבן מיט אלע כחות, ווי מען וויל פארטרייבן א מחנה שווארצע קראקענדיקע פויגל פון א באפאלענעם רויב, נאָר דאס אומזיסט אנשטרענגען זיך האָט נאָך א סאַך מער פארגרעסערט זיין אינערלעכע וואכזאַמקייט, פארשארפט זי מער.

— נו, יאָ — האָט ער געחלומט — היינט איז זונטיק — דארף ער ניט גיין אין שול לערנען מיט די קינדער. קען ער זיך פויל ציען אפן בעטל, שפאנען איבער אומבאקאנטע גאסן, לייענען א בוך און אפילו טראכטן וועגן נארישקייטן אויך. אלץ קען ער. אבער מארגן. מארגן איז א גאנץ געוויינלעכער מאנטיק, א פראקטישער ארבעטס־טאָג, פון א גאנץ ערנסטער וואָך. וועט ער דארפן גיין אין קלאס און שווער הארעווען פון פרימארגן אָן ביז דער זייגער אין שכנותדיקן צימער וועט אויסשלאגן פיר און אים באפרייען פון זיין לאסט.

ער האָט געוואוסט, אז ער איז א שלעכטער לערער. נאָר ס'האָט אים

נישט געאַרט, עפּעס ווי אַ לעבעדיקע, הויכע, שטעכעדיקע וואַנט וואָלט זיך אוועקגעשטעלט צווישן אים און די קינדער, געמאַכט זיי פרעמד צו איינאַנדער.

יאָ, זיי האָבן אים נישט ליב געהאַט. ער האָט עס אַף זיכער געוואוסט. און טאָמער פלעגן די שילער זיינע זיך נעמען אָנהענגען אים אַף די קליידער, קלעפּן זיך צו זיין גוף מיט אַ קינדערשער איינגעשפּאַרטקייט, פלעגט ער קוקן מיט אַ מאָדנעם אומעט אין זייערע שמייכלענדיקע פּנימ־לעך, אַז דערשראָקענע און צוריקגעצויגענע פלעגן זיי אים באַשיטן מיט נאָכאַנאַנדיקע פראַגן, וואָס זיינען געפאַלן איבער זיין קאָפּ, ווי האַרטע שטיקער האָגל:

— פאַרוואָס איז דער לערער אַזוי טרויעריק? פאַרוואָס וויל זיך דער לערער מיט אונדז ניט שפּילן? פאַרוואָס?... זיינע טונקל־בלאָע אויגן פלעגן זיך דעמאָלט נאָך מער פאַרטריבן, זיך אָנפילן מיט אַ געדיכטער מוטנעקייט, דורך וועלכע עס פלעגט אַ בלישטשע טון אַ באַהאַלטענע טרער און ער פלעגט זיך לייכט רויטלען, שעמענדיק זיך פאַר זיינע קליינלעכע ליגנס:

— עט, דער קאָפּ טוט אַביסל ווײ... נישט מיט אַלעמען...

געפילט האָט ער, אַז ער איז מיט זיין אַרבעט נישט אַפן פּאַסיקן אָרט און דאָס האָט אים מער פאַרדראָסן ווי ווײ געטון. ס'איז געווען פּשוט זיינער אַ אידעאַישער באַנקראָט, וואָס האָט אים אַלע טאָג געשטאָכן די אויגן.

ער, שפּיראַ, האָט געגלויבט אַז יעדער מענטש האָט פון געבוירן אָן זיינע אייגנאַרטיקע נייגונגען, וועלכע ער מוז שפּעטער אויסנוצן לטובת דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט אין דעם פרום געגלויבט און געהאַלטן עס הייליק, ווי אַ געבאָט פון דער נאַטור.

פּונקט, אַ שטייגער, ווען מען וועט נעמען אַ געדיכטן באַרנע־בוים, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט זיסע פרוכטן, וועלכע מערן זיך אַף זיינע צווייגן אין אַ געדיכטער שפע יאָר־איין יאָר־אויס, און אים פאַרנוצן פאַר אַ געוויינ־לעכן ברען־מאַטעריאַל ערגעץ אין אַ סמאָלע פאַבריק. וועט עס ניט הייסן קיין זינד?

אַלץ איינס — האָט ער געדרונגען — איז מיטן מענטש, ווען די האַר־

טעווירקלעכקייט פון לעבן צווינגט אים צו טון אן ארבעט, וואס איז נישט פון זיין בארוף.

דער מענטש, אין אזא פאל, הערט אויף צו זיין נוצלעך פארן ארום. זיינע איינגעבוירענע פעאיקייטן אנטוויקלען זיך נישט און פארשווינדן. ווערט ער א מעכאניש שרייפל אין דער גרויסער וועלט־מאשין, א שרייפל א מינדערוויכטיקס, וואס מיט זיין פארלוירן גיין לאזט ער נאָך זיך איבער א קליינעם, ניט קענטיקן שפור, ווייל עס שטייען שוין אנדערע, הונדערטער, טויזנטער אזעלכע שרייפעלעך און ווארטן אין דער ריי... דאס לעבן פון די קינדער האָט אים ניט אינטערעסירט. ער האָט אפילו ניט געפרואווט א בליק טון אין זייערע נשמות אריין. אליין א געליטענער, א צעווייטיקטער, מיט א שטומען פחד פארן וועלט־סוד, האָט ער ניט געקענט אָנטאָן, ווי אלע איבעריקע קאלעגן זיינע, א פאלשע מאסקע אפן פנים און ווערן א דערציער... פּרעדיקן מאראל, אָנווייזן א וועג וואוהין צו גיין. ער האָט געזען, אז אנדערע לערער זיינען טויזנט מאל ערגער פון אים, אז זייערע פיליסטערישע נשמות האָבן דורך צביעות און ליגנס איינגעקויפט זיך ליבע בא די קינדער און נאָכן אפּטאָן די געמיינסטע עוולות, זיך אוועקגעשטעלט מיט א פרום פנים אינמיטן קלאס און געלערנט, ווי זיך גוט אויפצופירן, כדי...

נאָר דאס אלץ איז פאר אים געווען א קנאַפּע טרייסט. ער האָט באַדאַרפט אין הסכם מיט זיינע פּרינציפּן פארלאזן די שול. נאָר אוועקגיין האָט ער קיין מוט ניט געהאט. ער איז געווען צו שוואך נאָך, כדי אין די גערדיכטע פּלאָנטערנישן פון אכזריותדיקן מענטשלעכן געראנגל איבער א שטיקל ברויט, איינער אליין, צוליבן קאמף פארן אמת, זיך דערשלאָגן צו א שטיל, באשיידן ווינקעלע, וואו ער זאל קענען טון נוצלעכע ארבעטן.

ער האָט מורא געהאט פאר די בייסיקע הינטישע ציין פון אומברחמנותדיקן וואָרן לעבן, וועלכע האבן אים געשטשירעט אין פנים אריין מיט טויזנטער שרעקן, דערמאנט אן עלנטקייט, וואגלענישן, ארבעטסלאזיקייט און הונגער...

קיינער האָט אים אין גארנישט חושד געווען און דאָך האבן די יסורים זיך מער פארשארפט. ער האָט געמוזט קעמפן מיט זיך אליין...

ער האָט אויפגעגרוילט, זעענדיק, ווי זיין שטאָלצע נשמה באָדט זיך אין צביעות, טונקט זיך אין זעלבסטפארלייקענונג פון זיין חרובן, אויסגע־חלומטן וועלט־געבוי.

טופּענדיק אין קלאַס, כדי צו באהערשן די שרייענדיקע, טומלענדיקע קינדער, וועלכע האבן אים ניט געלאזט אף קיין איין רגע זיך פארטראכטן, פלעגט אים באפאלן א גוואלדיקער כעס אף זיין אומבאהאלפנקייט און עפּעס א הייסע זאך פלעגט נעמען גוואלדיק אויפזידן זיין שטראָמיק בלוט, אָנפילן מיט אזא פארהארטעוועטן, שטאָלענעם כח, אז אים, שפּיראָן, האָט זיך געדוכט, אז ער וואלט זיך איצט געקענט פארמעסטן קעגן א גאנצער וועלט. יאָ, דאס איז בא אים געווען זיכער. קעגן א וועלט פון גרויסע, דערוואקסענע מענטשן, אין קאמף מיט אָן א שיעור שטערונגען וואָלט ער ארויס און וואלט אַלץ באזיגט... נאָר נישט דאָ, קעגן דער צעווילדעוועטער קינדערשער סטיכיע, וואס האָט זיך געריסן אף דער פריי מיט אלע יונגע זאפטן פון זייערע אויפוואכנדיקע הערצלעך.

זיי זיינען פאר אים געווען א בלינדער כח, וואס ער האָט נישט גע־וואוסט ווי און מיט וואס צו באהערשן. און נאָכן אנווענדן אלע נויטיקע מיטלען, וואס די פּעדאַגאָגיק, שכל און דערפארונג האבן אים דיקטירט, אז ס׳פלעגט סוף כל סוף א טויטלעכע שטילקייט זיך אוועקלייגן איבערן קלאס און צעשראקענע פלעגן די קינדער מיט בלייכע געזיכטער דערווארטן זייערע פארדינטע שטראָפן, פלעגט זיך שפּיראָן אויסדוכטן, אז א קליינער מעפיסטאָפעל חוזקט פון אים אָפּ און פון זיינע פארוואָכיקטע אידעאלן, שפּייט אים אין פּנים און קייכט מאָדנע פארשייט: „שוטה, דו האסט דיין ענערגיע ניט אויסגענוצט לטובת דער מענטשהייט, נאָר דערמיט איינגע־שטילט א כאָפּטע חוצפּהניקעס, מיט פארשארצטע נעזלעך... גאנץ פּשוטע סמאַרקאָטשעס”... — — — —.

מיד פון די אָנגעהויפטע, שווערע זארגן, וואס האבן געדיכט־הויערנ־דיק זיך געקנאָדערט ארום זיין מח, און זיך שווער געלייגט, ווי א שווארצע כמאַרע ערב דעם אויסברוך פון א געוויטער, האָט שפּירא געהאלטן האלב צוגעמאכט די אויגן, אין א מאָדנעם צושטאַנד פון וואַך זיין אינמיטן שלאָף, מאַיאטשענדיק אין חלומות, פונקט, ווי א קראנקער אף א שווערן

טיפוס רעדט מיט ברענענדיקע פיבער־אויגן פון היץ און איז דאך מיט זיינע רייד נענטער מער צו א געזונטן, ווי...

...איז אַט א שטייגער, ווען ער ווערט איצט קראנק און חלשט, ווער וואָלט דערפון געוואוסט און געקומען אים ראטעווען?

ער וואָלט געבליבן נאך אלץ אין דער זעלבער פּאָזע אויף זיין בעטל, מער ניט: זיין הארץ וואָלט זיך ניט באוועגט און זיינע אויגן, איבערגע־קערטע מיט די ווייסלען ארויף, וואָלטן גולמיש געגלאָצט אפן באלקן... קיינער וועט צו אים איצט נישט קומען. קיינער... ער האָט זיין נייעם אד־רעס פון דער דירה נישט אנגעגעבן. אלע פון הויף זיינען אוועק שפּאַצירן.

— ווער האָט אים אין זינען, דעם עלנטן בחור שפּירא, אין דער גרויסער, מיליאָניקער שטאָט? — — —

ער האָט זיך געזען ליגן טויט, און ס׳האָט אים הנאה געטון. גלייכער אזוי... מענטשן וואָלטן פון אים א שטיקל צייט גערעדט:

— א שאָד, ער איז געווען א שטילער בחור, א ביסל א פארחלומטער וואָלטן זיי ערנסט, נאָכגייענדיק מיט א געמאכטן טרויער נאָך זיין לויה, אים געזאגט א שבח.

מער נישט זיין שוואכע מוטער וואָלט אין דער פרעמד פארגאנגען פון פיין. זי האָט אים שטארק ליב.

אויף איר אליין האָט אים אנגענומען א גרויסער רחמנות... פארוואס קומט עס איר?

פּלוצלונג האָט ער דורך די פארטראכטע אויגן דערפילט, ווי צוויי קליינע געשטאַלטן האָבן זיך שטיל ארייגערוקט אין צימער און זיך אויף די שפּיץ פינגער, אַן א שאָרך, דערנענטערט צו זיין בעטל.

ער האָט דערשראקן געשפּירט, ווי אלץ אין אים ווארפט און טרייסלט זיך פון מורא.

זאל ער באמת שוין האָבן אראפּגעגאנגען פון זינען? האָבן טאקע זיינע האלוציניאציעס ארויסגעצויגן אויף זיך הויט און ביין און געקומען זיך מיט אים רייצן?

ער האָט קלאר געהערט, ווי צוויי גרינגע אָטעמס וואכן איבער זיין

בעטל און ווילד אויפרייסנדיק די אויגן, האָט ער זיך צעשריען: ווער איז דאָ, ווער?...

— איך... האט א באקאנט קינדערש קולכל זיך צעקלונגען אין חלל פון די פיר ווענט.

און באלד דערנאָך:

— וואס איז דעם לערער? דער לערער דערקענט מיך ניט? — האָבן זיך צוויי געטרייע, נאַאיווקינדישע אויגן צו זיין פנים איינגעבויגן און אים ארומגענומען מיט אזא ווארימען בליק, אז ער, שפירא, האָט קלאר דערזען, ווי די אלע טריבע, כמורנע געדאנקען, צעשווימען זיך אף אלע זייטן, פונקט ווי העננגענדיקע קנוילן פּאַפּיראסן־רויך באם עפענען א פענסטער.

יאָ, דאס איז געווען זיינער א שילער. משה האָט ער געהייסן. ער, דער קליינער, מיט די שווארצע, קאלמיקישע אויגן און פארשפיצטער גאמ־בע האָט אים אף אן אמת ליב געהאט.

מיט א קינדערשער עקשנות, האָט ער פון אים ניט געוואלט אפטרעטן, באָטש ער האָט אים פון זיך געטריבן, פונקט ווי אלע איבעריקע קינדער, נאָר אים, דעם קליינעם, האָט ער בשום אופן ניט געקענט פון זיך דער־ווייטערן, ער האָט פאלגנדיק געזוכט, ווי אזוי אריינצוקומען אין זיין הארץ, געקלאמערט זיך מיט אזא הכנעהדיקער שקלאפישער איבערגעגעבנקייט, אז שפירא פלעגט א געריטער ביז טרערן זיך וואונדערן: „אייגנטלעך, מיט וואס האָט ער עס פארדינט בא דעם דאָזיקן קינד די דאָזיקע ליבשאפט?"

דער קליינער משה האָט אים תמיד אפגעווארט בא דער טיר פון שול און באגלייט אף צוריקוועגס אהיים. עס איז פאר שפיראן געווען אן אומ־געהויער גרויסער סוד, וועלכן ער האָט אומזיסט זיך באמיט צו דערגיין. אפילו, ווען ער פלעגט דעם קליינעם באשטראפן פאר עפעס א נארישן חטא, פלעגן דעם קינדס געטרייע, גוטע אויגן פינקלען מיט אזא איבערגעגעבנקייט, פונקט ווי א געשלאגענער הונט, וואס בויגנדיק נידעריק דעם קאפ אונטער די שארפע קלעפ פון באלעבאס, סקאוויטשעט ער אין דער שטיל און הערט דאָך נישט אויף אים ליב צו האבן.

איצט איז ער געקומען אף א באזוך און גרויסהאלטנדיק זיך מיט

„זיין" לערער, האָט ער מיטגעבראכט זיינעם א יונגערן ברודערל, כדי זיך צו באווייזן פאר אים, ווער דער גוטער לערער זיינער איז...

שפּירא האָט זיך אין איין רגע דערמאנט זיינע אלע חטאים קעגן דעם אינגל און שטארק חרטה געהאט. „אפילו צו זיך אין שטוב — האָט ער פארדראָסיק איינגעטענהט מיט זיך — האָב איך אים ניט ארויפגעלאזט, כלומרשט זיך געשעמט פארן ארימען אפּגעלאזענעם צימער, כדי ער זאל נאָכדעם ניט איבערדערציילן פאר די עלטערן, ווי אזוי דער לערער וואוינט"... „אזוי פיל שלעכטס איז ער קעגן אים באגאנגען און ער, דער קליינער האָט זיך פאר גארנישט דערשראקן, נאָר האָט מיט א מאדנער מסירת נפש זיך עטלעכע מאל געגנבעט אף די שטיגן ביז וואנען ער איז פארט צו אים, דעם לערער, ארייננגעקומען. אזוי איינמאל און א צווייט מאל".

„און ווער געדענקט אים איצט, אין דער ארומיקער, טויטלעכער, זונ־טיקדיקער גלייכגילטיקייט? ווער האָט זיך אין אים דערמאנט? אלץ דאס זעלבע קינד, משה. געקומען מיט א ברודערל, א קוק טון, וואָס דער לערער מאכט"... שפּירא האָט דערפילט, ווי די גאנצע אנגעזאמלטע שווערקייט טרעט אפּ פון זיין הארץ, מאכט פריי אן אָרט פאר א לויטערער, ליכטיקער פריידיקייט, וואס קומט צו אים, ווי א טרייסט פאר זיינע אומרואיקע, לערערשע טעג.

— נו, וואס מאכסטו עפּעס, משה? — האָט ער דעם קינדס קאָפּ צערטלעך גענומען גלעטן, ווי זיינער א געליבטערס האָר אין אמאליקע, גליקלעכע פארנאכטן.

— דער לערער זעט — האָט זיך דער קליינער מיט צעשטראלטע אוי־געלעך פאנאנדערגעלאכט — דאס איז מיינער א ברודערל, יחיאל הייסט ער...

און פארטראכטנדיק זיך א ווײַלע, האָט ער ערנסט געזאגט:

— איך האב מיר שוין אויסגעלערנט די גאנצע דעקלאמאציע... כ'קען איר אפילו אויך איצט זאגן.

שפּירא האָט זיך ווי אין חלום דערמאנט אן א קליינעם אינצידענט,

וואס איז געשען צוריק מיט עטלעכע טעג. ער גרייט צו א קינדער יום־טוב. האָט ער משהן פאַרגעבן א ליד אַף אויסוויינייק.

נו, ער האָט זיך ניט אויסגעלערנט. א קינד... האָט ער אַף אים זיך שטארק געבייזערט און פאר אלע שילער אין די אויגן אים פארשעמט, אנרו־פנדיק אים פוילער. איצט איז ער געקומען איבערבעטן דעם לערער... א גאנצן פרימארגן האָט ער זיך געחזרט דאס ליד, ניט געגאנגען אפילו זיך שפילן אַף דער שכנותדיקער פלאסע מיט די חברימלעך אין פוטבאל.

שפירא האָט ברייט צעעפנט די אויגן און דערזען א ים מיט ליבע און זון. א לויטערע פרייד, ווי א קיל ווינטל איבער א וואסער האָט פון דארט געבלאזן..

— נו זאג, — האָט שפירא אראפּלאזנדיק דעם קאָפּ זיך געשעמט צו קוקן דעם קינד אין פנימל אריין. איבערן חלל פון צימער זיינען זיך צע־גאנגען די ווערטער פון ליד, ווי א שטילע גאָטספארכטיקע תפילה:

„נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
פריש צעאַקערטע אין בייטן,
און א רעגן, פערל ־ ריין,
טריף ־ טראָפּ, טריף ־ טראָפּ,
הויבט אָן גיין".

די פרייד איז אין שפיראן אלץ מער געוואקסן. ער איז געלעגן מיט אראפגעלאזטע אויגן צו דער ערד און געטראכט מיט וואס איבערצובעטן דאס קינד.

דער קליינער משה האָט קלוג א בליץ געטון מיט זיינע קאלמיקישע שווארצע אויגן און גלייך ער וואלט פארשטאנען, וואס זיין לערער האָט בדעה צו טאן, האָט ער זיך שטיל אנגערופן:

— ס'שאדט ניט...

ער האָט פארזיכטיק זיך ארומגעקוקט איבערן צימער, געזען אנגע־ווארפענע ביכער אפן טיש, ליגן אין אומארדנונג, צעשפּרייטע צייטונגען, ווי הארבסטיקע בלעטער וואלגערן זיך צעקנייטשטע אונטער די פיס, האָט ער פארקלערט געפלאפלט:

— דער לערער לייענט א סך... צו וואס דארף ער עס? — און מיט א קינדערשער נייגעריקייט האָט ער גענומען נאאיוו פארשן: — גייט דער לערער קיינמאל ניט אין ביאגראף? האָט דער לערער ניט קיין חברים?

שפירא האָט זיך אין אלץ פארטרויט זיין קליינעם גוטן פריינט:

— יאָ, ער זיצט א סאך אין שטוב, ער לייענט א סאך ביכער, אז ער, משה, וועט זיין א גרויסער, וועט ער פארשטיין, וואס אין די ביכער שטייט געשריבן היינט איז נאָך פרי, ער איז צו קליין.

ביאָגראף האָט ער פיינט, ער ווייס אייגנטלעך ניט פארוואס, נאָר ער פילט צו דעם א שנאה...

שפירא האָט געוואלט זיך אויפהויבן פון געלעגער און ניט געקאנט. די זיסע פרייד האָט אים ארומגענומען מיט א שווערער מידקייט, פונקט ווי עס טרעפט אין א נאָכמיטיק שלאף אין א הייסן זומער טאג, נאָך א זאטן עסן.

ער האָט לייכט א קלאפ געטון דעם קליינעם משהן אין פלייצע און לאכנדיק באפוילן: איצט שלעפ מיך דו מיט דיין ברודער ארויס פון בעט.

— צי, שטארקער!

ער האָט מפקיר געווען זיינעביידע הענט, געפילט, ווי קליינע, פוכקע פינגערלעך· דריקן זיך פעסט צונויף, ציען אים מיט זייערע אלע שוואכע כחות און ער האָט זיך אונטערגעגעבן. זיין גוף האָט זיך פארוים א וואקל געטון און געבליבן זיצן באם ראנד פון בעט.

— איצט דרייט זיך אוים מיטן פנים צום פענסטער! — האָט ער זיך געמאכט שטרענג.

ער האָט איילנדיק, אומגעלומפערט ארויפגעצויגן די הויזן און געבלי־בן שטיין, ווי א שטארקער קרעפטיקער בוים צוגעוואקסן צום פאָל.

שטייף און אומבאַוועגלעך, ווי סאלדאטן, זיינען די ברידערלעך געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער וואנט, זיך מורא געהאט א ריר צו טון. ער האָט היים צוגעדריקט צו זיך די קעפּלעך פון די קינדער, אריינגעקוקט אין משהם פנימל, און דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן פארשטאַנען די נשמה פון א קינד...

אז ער איז דערנאך ארויס אין דרויסן, האלטנדיק ביידע קינדער פעסט פאר די הענטלעך, האָט די זון א רויטע זיך געגילדט אף די שפּיצן פון די ציגלנע דעכער און קרומלעך געפאלן אין שאָטן אף די פארבייגייענדיקע מענטשן שטראמען, וואס האבן זיך געגאסן פון ביידע זייטן אספאלט.

ער האָט שטארקער געדריקט צו זיך משהס קליינינקן גופל, ווי מורא האבנדיק צו פארלירן אין ים פון מענטשן־קעפּ די איינציקע אמתע טרייסט, וואס ער האָט געפונען....

אַדאָלפֿאַ און זײַן קער־באַרשט

זי, די שטרויענע קער בארשט מיטן לאנגן, רויט־געפארבטן שטעקן אין דערמיט, וואס האָט זיך אויבן פארענדיקט מיט א גאלעקל, האָט באלד פון דער ערשטער רגע אן ניט נושא חן געווען בא אדאלפאן.

ער האָט איר אין איינעם אן אויפדערנאכט געקויפט אין שכנותדיקן אלמאסען צוזאמען מיט נאָך אנדערע באלעבאטישקייטן.

נאָר דאס מאל איז בא אים דער וועג צוריק צו זיין אויבערשט צימערל אויסגעקומען לענגער ווי אלעמאל.

די קערבארשט האָט עפעס מאָדנע געבריט אין האנט. גלייך זי וואלט געווען באזעצט פון אויבן ביז אראפּ מיט הייסע, פייערדיקע קוילן...

ס'האָט זיך אים געדאכט, אז אלע פארבייגייער קוקן אף אים אין שמייכלען...

פון זיך אליין האבן זיך בא אים די פיס שנעלער באוועגט און די טריט זיינען פארוואנדלט געווארן אין קאָמיש לאנגע שפרייזן, ווי בא א מענטשן, וואס ווערט דורך עמיצן פארפאלגט.

ארויפגעקומען צו זיך אין דער אלטיזשע, האָט ער באלד אפן ארט גע־נומען נקמה: פשוט מוחל געווען דאס אויסקערן פון דעם פארשמוצטן פּאָל, אבי וואס גיכער צו פארשטעקן איר אין ווינקל.

אדאלפא האָט געפירט אן ארעמען עמיגראנטישן לעבן פון א גרינעם.

ניט האבנדיק קיין פאך אין האנט איז ער אָנגעקומען אין א מעבל־פאבריק אלס געהילפס־לוסטראדאר. א גאנצן טאג האָט ער אן אויפהער געווישט מיט אלקאהאל שטיקער מעבל, געריבן מיט פליים אונטער די שטרענגע אויגן פונם קאפאטאס און געפילט, אז דער שארפער ריח וועט אים באלד אוועקלייגן.

נאָר דאס אַלץ איז געווען צום אנהויב. שפּעטער איז דער קאָפּ ווייטיק אריבער און נאָר באם שיידן זיך איבערגעלאזט א לעצט געלט.

ער האָט פון דער ארבעט באקומען עפּעס אזעלכע מאדנע געלע, ברוין פארפלעקטע נעגל און שפּיץ פינגער, גלייך ער וואלט זיי ערשט אין דער רגע ארויסגענומען פון א פרישן באנדאזש מיט יאָד.

ס'האָט אים ניט ווייניק צער פארשאפט. ער האָט אָבער קיין ברירה ניט געהאט.

און מיטן עסן דאס זעלבע.

דער קארגער לוין האָט אים ניט דערלויבט צו עסן אין רעסטאָראַן מער, ווי איין מאָל א טאָג.

פרישטיקן און וואונטשעריטן האָט ער זיך אליין געמוזט צוגרייטן.

נו, האָט ער על פי נויט געמוזט זיך דאס מאל אויך אונטערגעבן דעם הארטן גורל און מיט אלץ, מיט אלץ שלום מאכן —

סיי מיט די האלב שווארצע ברויטלעך און פּעניצעס אידישן ווארשט, וואס דער דיקער ליטווישער אלמאסענערא האָט פּארזיכטיק געשניטן אף דער ספּעציעלער מאשין און סיי צו די זיס חניפהדיקע „בוענאס דיאסן", וואס דער פלינקער גאזשעגא האָט יעדן באגינען אונטערגעטראגן אינאיינעם מיטן ליטער מילך.

ביטערע געוואוינהייט...

האָט נאָך געפעלט בסך הכל איינס: דאס קערן און ער וואלט מגולגל געווארן אין א גאנצער קעכן.

נאָר דא האָט זיך דאס גאנצע ביסל צונויפגעקליבענע שטאָלץ געגומען אָפּוערן. ניין און ניין.

אף כפּרות דארף ער די ריינקייט, אבי כאָטש טיילווייז צוריקגעווינען זיין פארלוירענע פרייהייט.

נאָכן צוריקקומען פון דער ארבעט פלעגט ער זיך, ווי ער שטייט און גייט, אריינוווארפן אין צעפּראלטן בעטל און ליגן לאנג לאנג מיט אפענע אויגן געווענדעט צום דרויסן, ביז וואנען דער חושך האָט אים איינגעהילט.

ס'איז אים סתם גוט געווען צו ליגן אומבאוועגלעך און מיינען, אז אלץ איז אויסגעשטארבן.

דער נאָגנדער הונגער פלעגט אים א בייזן אראָפּטרייבן פון געלעגער. האָט ער דעמאָלט פאר עטלעכע דראבנע מטבעות איינגעקויפט עסנ־ווארג אין אלמאסען און, צוריקקומענדיק, זיך גענומען פּאָרען ארום דער ברודיקער, בייכיקער פרימוס־מאשינקע מיטן אייביקן פארקאָפּטשעטן ברענער.

ביסלעכווייז האָט ער זיך צו דעם אויך צוגעוואוינט.

ער האָט אויפמערקזאם באטראכט דאס טאנצנדיקע פייערל, ווי דאס זשומעט מיט א ווילדן אימפּעט, און פארשטאנען, אז ניט אנדערש, נאָר אינווייניק געפינט זיך א נשמה, וואס רייסט זיך א דורשטיקע צום לעבן.

פלעגט אים ווערן אביסל היימלעכער, פארט ניט אזוי איינזאם.

אָבער צום קערן האָט ער זיך נאָר אלץ באצויגן מיט דער זעלביקער קאלטקייט, וואס פריער.

וואָס גייט עס אים אָן? ווער האָט עס א דעה צו זאגן?

וואָכן און חדשים פלעגן אריבערגיין און ער האָט זיך צו איר נישט געוואלט צורירן.

ערשט, ווען, דער שמוץ איז אריבערגעשטיגן אלע גרעניצן און דער פאל האָט זיך געהאלטן באם דערטרינקען אין א בארג אנגעווארפענע פאַ־פירן, ערשט דעמאלט האָט ער „זי" מיט כעס פון ווינקל ארויסגענומען.

דורכן געדיכטן זייל שטויב, וואס האָט ווי א וואלקן זיך געטראגן פון אלע זייטן, פארשטעלנדיק די פאפּיראָסן־קערטלעך, שאלעכצן א. א. וו. א. א. וו. האָט אדאלפא מיט א פארהאקטן אטעם געזידלט דער קער־בארשט, גלייך זי, נאָר זי, טראגט עס דעם גאנצן אחריות, וואס ער אדאלפא, א געוועזענער גימנאזיסט אין דער היים, דארף זיך אזוי פלאגן אין ארגענ־טינע.

און אין איינעם א זונטיק נאָכמיטיק איז פלוצלינג דאס גאנצע הויפל פול געווארן מיט פריילעך־צאפלדיקע קולות.

עס האָט זיך אריינגעקליבן אף דעם ארט פון די פריערדיקע באלע־באטים א יונג פּאָר פאלק, ערשט נאָר וואס נאָך דער חתונה.

דאס ווייבל, אַ טונקל שאטינקע מיט גרויסע ליכטיק־גראָע אויגן, האָט

כסדר געהאלטן אין איין קאמאנדעווען מיטן שמייסער־יונג פון דער מור־דאנסא, וועגן אריבערשטעלן די זאכן אף זייער ריכטיקן ארט.

מען האט שוין דריי מאל איבערגערוקט די פיאנא און זי האט נאך אלץ נישט געטויגט.

סיי דער טרעגער און אויך לואיסא, דאס זיבעצן יאריקע שווארץ־חנעוודיקע דינסטל, מיטן ווייסן אנגעקראכמאליעטן שירץ אף די לענדן, האבן שרעקלעך געשוויצט פון אומאויפהערלעכן דזשווינגען.

עס האט זיך געדוכט, אז עס וועט קיינמאל צו דעם נישט נעמען אן עק.

ענדלעך איז מען מיט אלץ פארטיק געווארן.

א צופרידן־אויפגערעגטע האט די באלעבאסטע באטראכט איר נייע וואוינונג און ארויסקומענדיק אין פאטיע זיך צעשריגן אפן קול:

— לואיסא, גיכער נעם צעוואש די פאלן.

און דא אן אומגליק!... ווײ געשריען! נישטא קיין בארשט.

ווי א יונגע אומדערפארענע באלעבאסטע, האט זי אין דער כלי אינ־גאנצן, גאר אינגאנצן פארגעסן...

— אזא זאך... אזא זאך... האט זי זיך פון פארדרוס געכאפט פארן קאפ.

דער מאן וועט באלד קומען פון גאס און טרעפן דעם גאנצן הקדש...

לואיסא, מיט אראפגעלאזענע אויגן, האט שטיל אומבאמערקט צו זיך געשמייכלט.

אדאלפא, וואס איז געשטאנען באם טיר, גרייט אוועקצוגיין, האט זיך כלאחר־יד אנגערופן:

— סעניארא, אויב איר ווילט, קען איך אייך אנטלייען מיין בארשט. זי שטייט דארט אויבן בא מיר אף די טרעפ.

— מוטשאס גראסיאס — האט אים דאס ווייבל באשאנקען מיט א ווארימען בליק.

און רויטלענדיק זיך, באפוילן אף גיך לואיסאן:

— גיי מיט מיט דעם סעניאר, זיי וועלן דיר געבן א בעזים.

פארויס איז געגאנגען לואיסא און אונטער איר אדאלפא.

עס איז אים אויסגעקומען עפּעס אזוי מאָדנע, וואָס צו אים אויף די טרעפּ גייט ס'ערשטע מאָל ארויף א יונג מיידל, גייט מיט אזא שטאָלצער זיכערקייט אַלץ העכער, איין טרעפּל נאָכן אנדערן, פּונקט ווי זי וואָלט אין דער אמתן באַדאַרפט אזוי טון.

ער האָט געקוקט אויף אירע באָרוועס־פאַרברוינטע פיס, ווי זיי טראָגן מיט אזא גראַציעזער לייכטקייט דעם שלאַנקן מיידלשן קערפּער און געפילט אַז ס'האַרץ באַוועגט זיך אין אים מיט א שווינדלדיקער האַסטיקייט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צום ווינקל ארויסגענומען די באַרשט און איר דערלאַנגט.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיך טיף ארייַנגעקוקט אין ביידנס פּנימער, האָבן זיך פּלוצלינג צעשמייכלט.

— וואָס לאַכסטו, לואיסאַ? — האָט ער איר א צעשטראַלטער א פרעג געטון.

— אָט גאָרנישט, אזוי זיך, סעניאָר.

— א רחמנות אויף דיר — האָט ער געשמייכלט, ווען נישט די קער־באַרשט וואָלסטו איצט שוין פריי געווען, געקענט שפּאַצירן. — וואָס, ניין?

— נאָ אימפּאָרטאַ, אויף אַלץ איז דאָ צייט. עס איז א גרויסער טאָג... און ערשט דער אָוונט...

— און „קאַוואַזשעראָס" וואַרטן דיר שוין מן הסתם אָפּ — האָט ער געפּרוּווט ארויסלייענען דעם ענטפער פון אירע ווייכע סאַמעט אויגן.

— ניין... — כ'בין פון דער פּראָווינץ... פון קאַטאַמאַרקאַ... סך הכל א פּאָר טעג אין בוענאָס איירעס.

— נו, איז, א שטייגער, מיט אזא בחור, ווי איך, וואָלט דיר אָנגע־שטאַנען צו גיין היינט באַנאַכט אין ביאָגראַף?

— גיי שוין! דו, סעניאָר, לאַכסט פון מיר — האָט זי אויף אים א בליץ געטון מיט א שורה שאַרפע ציין.

— ניין, לואיסאַ, כ'לאַך נישט, איך מיין עס גאַנץ ערנסט, הערסט, איך וועל אויף דיר וואַרטן אין דער „עסקינע", וועסטו קומען?

מיטאַמאָל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי שטייט שוין צו לאַנג בא אים אויף דער שוועל. זי האָט זיך אויף גיך א לאָז געטון צו די טרעפּלעך.

פון מיטן וועג בלויז צייט געהאט אף א קורצן ישוב הדעת:

— יאָ, סעניאר, איך וועל קומען... — האָט זי צו אים געשאקלט פריילעך מיטן געקרייזט־לאָקיקן קאָפּ.

און מיט פרייד האָט אדאלפא באגלייט דעם טאג צו זיין קבורה.

ער האָט געקוקט אף דעם אָנקומענדיקן אוונט און עס האָט זיך אים געדוכט, אז ער הערט שוין לואיסאס טריט. איצט איז ער שוין ניט געווען מער קיין „גרינער" עלנטער, אָנגעכמורעטער בחור. זיין גאנצע פארשלאָסענע יונגקייט האָט אין אים מיטאמאל דערוואכט מיט טויזנטער לעבנס־לוסטן, און דערנאָך גייענדיק האנט באַ האנט מיט דער קאטאמארקישער טאכטער, צווישן דעם מעכטיקן מענטשן־שטראָם, האָט אים אלץ געחידושט:

—„פארוואס האבן עפּעס גראד היינט די פייערן פון שטאָט זיך אזוי העל צעפינקלט, פארוואס?" — — — —

און קיין קער־בארשט האָט די באלעבאסטע פון הויפל נאָך אלץ נישט פארמאָגט... לואיסא האָט זיך אלע מאל פארגעסן צו קויפן. איבעריקס איז נישט קאנטיק געווען. עס איז סיי ווי געווען ריין אין הויפל און אין די צימערן.

נאָך ווי ריין...

— לואיסא, שוין גענוג געוואשן די פּאַטיע, לאָז אָפּ אַף מארגן, גיי שלאָפן!..

— ניין סעניארא... נישט נויטיק, אָט, איך ענדיק שוין.

דער הויף איז פארזונקען אין א לעטארגישן שלאָף. לואיסא פּאָרעט זיך נאָך.

און שפּעטער: פארזיכטיקע, דראבנע, שפּיץ־פינגערדיקע טריט צו אדאלפאס צימערל. זי גייט אים אָפּטראָגן זיין קער־בארשט.

און פון דאן אָן קוקט אדאלפא מיט א שמייכל אף זיין קער־בארשט און קען זיך אלץ נישט אפּוואונדערן: גיי ריכט זיך וואס א בארשט קען דיר ברענגען...

זעק

חיים וויינשטיין, א אינטעליגענטער בחור פון עטלעכע און צוואנציק יאָר, האָט זיך דערשראקן אויפגעכאפּט אין איינעם א באגינען, שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל, צוגעלאָפן צום פענסטער און, זעענדיק, אז ס׳איז שוין שפּעט, האָט ער צו זיך א זאָג געטאָן: — נו, מ׳דארף גיין זוכן ארבעט.

ארויס אפן גאס, האָט ער דערפילט א מאָדנע, פוילע ניט־אויסגעשלאָפנקייט אין די ביינער, עפּעס א מידקייט, א טויט־דערשלאגענע, ווי ס׳טרעפט זיך בא א פּאסאזשיר אף א לאנגער נסיעה, ארומוואלגערנדיק זיך איבער ברודיקע וואקזאלן; ר׳האָט זיך צעגעניצט הויך אפן קול, דערפילט א שטארקע נאָגעניש באַם הארץ און פּאר כעס אויסגעשפּיגן אף א וויטן שטח, הנאה האָבנדיק אף דעם געלונגענעם שפּיי, וואס ער האָט געגעבן.

דער דרויסן האָט אים באגעגנט א בייזער, מיט אָנגעכמארעטע, אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, ווי בא א שטעטלדיקן מלמד א קבצן, אָנגעוויי־ט אף אים א אומעט מיט דעם אומבאשטימט קאָלירטן הימל, וואס איז געווען האלב אשיק, האלב מילכיק און האָט טרויעריק אויסגעקוקט, די זון זאל זיך אף אים באווייזן.

פון די פּוסטע גאסן האָט געיאָגט א קעלט, א פייכט־אָסיענדיקע, וואס איז געקראָכן דורך און דורך די ביינער. וויינשטיין האָט זיך שטארקער איינגעהילט אין זיין אויסגעריבענעם מאַנטל און זיך צוגעקוקט צום ווינט, וואס האָט געדרייט ליידיקע פּאַפּירן איבערן אַספאַלט, זיך געלאָזט מיט אימפּעט אף יעדער זאך, וואס ער האָט באגעגנט אין וועג און דערמאנט מיט אלע זייגע שקצישע העוויות אָן א דאָרפישן הונט, א צו להכעיסניק. וויינשטיין האָט זיך פּלוצלינג דערמאנט נאָך וואָס ער איז היינט אויפגע־

שטאַנען. זיך דערזען שטייענדיק און נאַריש פאַרטראַכט קוקן אויף א פרי־מאָרגן־קונדסיש ווינטל, האָט ער א פאַרשעמטער געגומען שטעלן גיכע, אייליקע טריט צו דער נאָענטער קאַפע, וואו די צייטונגס־פאַרקויפער דרייען זיך ארום.

— לאַ פרענסאַ! לאַ ראַסאָן! לאַ רעפּובליקאַ! — האָט א הילכיקער קול זיך צעקלונגען אין דער ארומיקייט. דעם צייטונגס פאַרקויפער האָט ווײַנשטיין ניט געזען. ער איז געווען אפּגערוקט פון אים א סאַך קוואַר־טאַלן, נאָר דאָס קול זיינס האָט א נאַקעטער ארומגעבלאָנדזשעט איבער די ליידיקע גאַסן, גלייך ער וואָלט געזוכט א תקון.

דאָס קול האָט אַלץ שטאַרקער געקלונגען, אַלעמאָל זיך מער דער־נענטערט און אָנגעפילט מיט צער זיין געמיט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס קול האָט עפּעס א ספּעציעלע מיסיע צו וועקן די שלאָפנדיקע, רופן זיי צו עפּעס, צולעצט האָט זיך דער צייטונגס־פאַרקויפער באַוויזן.

דאָס איז געווען א קליינער בלאָנדער שייגעצל, מיט א צעפּאַטלטן קאָפּ האָר און בלויע באָרוויסע פיסלעך. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ ריזיקן פּאַק צייטונגען, וואָס האָט ווייט אריבערגעשטיגן זיינע כחות, און בלאָנדזשענדיק מיט די אויגן אויף אַלע זייטן צו דערכאַפּן אַ קונה, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— לאַ פרענסאַ! לאַ נאַסיאָן!...

ווײַנשטיין האָט דערפילט א גרויס מיטלייד צו דעם אָרימען יאַטל.

— אַך, — האָט ער אומעטיק געטרוימט — ווען ער קען דאָס אָפּ־קויפן דעם גאַנצן פּעקל צייטונגען און אים אהיימשיקן שלאָפן... אָט, וואָלט ער באמת געווען אַ בריה...

ער האָט געטראַכט א פאַרביטערטער וועגן די יונגע אומגליקלעכע קינדער, וואָס דאָס לעבן רייסט זיי אזוי פרי ארויס צו זיין די שפּייזערס פון קראַנקע מאַמעס. און גלייך ער וואָלט אליין געטראָגן די שולד פאַר דער געשעענער אומגערעכטיקייט, האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

ער האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צום שייגעצל, באַצאָלט פאַר אַ

ציַיטונג, מיט ליבע געטון א גלעט זיַין צעפּאַטלטן קאָפּ און, נישט אַרויס־רייִדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך דערווייטערט צו דער קאַפּע.

וויַינשטיין האָט זיך געקלאַמערט באַ אַ מויער פון אַ ווינקל גאַס, גע־קעמפט מיטן ווינט, וואָס האָט געפּאָכעט מיט דער ציַיטונג אויף אַלע זיַיטן — און קוים געקענט דערכאַפּן דאָס אָרט, וואו די אַנאָנסן שטייען. פיבער־האַפט געבלאַנדזשעט איבער די שפּאַלטן: „ס'פאָדערט זיך", עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן פון אויבן ביז אונטן און פאַר גרויס צעטומלטקייט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אַנאָנס, —

מיט בולטן שריפט איז געווען געשריבן: „ס'פאָדערט זיך אַ יונגער־מאַן אין אַ סקלאַד פון זעק אַלס אויפקויפער, מעג זיַין אַ גרינער. גוט גע־צאָלט".

וויַינשטיין איז גיך אַוועק נעמען אַ טראַמוואַי. געטראָפן האָט ער דאָ אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס האָט אומגעדולדיק אויסגעקוקט דעם פון וויַיט זיך מערקנדיקן טראַמוואַי אויף צו פאָרן אין פאַבריק. זייערע פּנימער זיַינען גע־ווען אומעטיק, איַינגעפאַלן און פאַרטרויערט. אין זייערע אויגן האָט ער געזען אַ צאָרנדיקן פיַיערל, אַ שטומען צער פון די פרי פאַרלאָזטע וואַרימע בעטן. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז אַלע האַלטן אויף די ליפּן אָנגעגרייט די זעלבע טענה: „ווען מיר זיך באַלד שלעפּן מיט אַ טראַמוואַי אין אַ פאַר־חושכטער פאַבריק, אָפּהאָרעווען אַ טאָג פאַר אַ הונגער־לוין..."

רויטע, העל באַלויכטענע טראַמוואַיען, ווי אײַטערדיקע, בלוט־טריפנ־דיקע וואונדן, האָבן זיך בליץ שנעל פונאַנדערגעיאָגט איבער די ליידיקע גאַסן, מוראַדיק געהוזשעט מיט די דראָטן, ווי אַ מחנה אויפרייסנדיקע שראַפּנעלן און פאַרפאַלן געוואָרן אין די שטאָלענע רעלסן. אַלע ווײַלע איז אָנגעקומען אַן אַנדערער, ממזריש אַ וואונק געטון נאָך פון דער וויַיט מיט דעם אַרויסגעהאַנגענעם שילדל: „קאָמפּלעטאַ" און ניט אָפּשטעלנדיק זיך, משוגענערווייַז געפלויגן מיט אַ רעדער טראַסקערײַ.

אַ פאַרגליווערטער פון קעלט, איז ער געשטאַנען אין דער זיַיט פון רעדל מענטשן, געקוקט אַרויפצו, אַז אַ ליידיקער טראַמוואַי זאָל אָנפאָרן און אָפן זינען איז אים געקומען אַ שוין לאַנג פאַרגאַנגען בילד פון היימישן

שטעטל, ווען ער האָט אויך אזוי אויסגעקוקט אין שטומער דערוואַרטונג זיין געליבטע זאָל קומען אַף דער פרימאַרגנדיקער, אָפּגערעדטער זעאונג.

ער האָט געטראַכט וועגן פלאַמענדיקע ליבעס, וואָס לעשן זיך, ווי פאַרנאַכטיקע זונען, און אַ סאַרקאַסטישער שמייכל האָט זיך קרומלעך צעלייגט איבער זיין פנים.

אַן אַנקומענדיקער טראַמוואַי איז האַסטיק שטיין געבליבן, און איבערגעריסן זיינע נאָגנדיקע מחשבות. ער האָט זיך אַריינגעשטופּט מיט אַנדערע אינווייניק, געבליבן שטעקן אַ צונויפגעפרעסטער און קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּן.

דער גוואַרדאַ האָט גענומען אויסלעשן די לאָמפּן. אַ בלייכע ליכטיקייט, ווי אַ שווינדזיכטיקנס פנים, האָט אַנגעפילט דעם טראַמוואַי. פון ערגעץ אַ הויכן מויער האָט אַ זייגער ווייַנענדיק אויסגעקלונגען: זעקס.

וויינשטיין איז געבליבן שטיין פאַר אַן אָפּגעקראַכענעם אַלטן מויער מיט צעראַצטע דיקע ווענט, וואָס האָבן דערמאַנט אין אַ פאַרלאָזטער קאַזאַרמע. אַ רגע האָט ער זיך געישובט: זאָל דאָס זיין דער סקלאַד? ער האָט פונסניי צעעפנט די צייטונג, אויפגעזוכט דעם אַנאָנס און הויך אַפן גאַנצן קול איבערגעלייענט: נומער צוויי מויזנט דריי הונדערט איין און זיבעציק, גאַס...

יאָ. ס'האָט געשטימט אַף אַ האָר. ער האָט זיך אַנגענומען מיט מוט און געעפנט די דרויסנדיקע טיר. אַ לאַנגער, משונהדיקער קאָרידאָר האָט געפירט צו אַ סאַך טירן און זיגזאַגיש זיך פאַרדרייט אַרויפצו אין הינטערגרונט. די נאַסע, מיט שימל באַדעקטע ווענט, דער קאַלטער שטיינערנער פּאָל, וואָס איז געווען פול מיט גריבער, און דער עיקר, די פאַרגראַטעוועטע פענסטערלעך אויבן באַ דער טיר, האָבן צוגעגעבן עפּעס אַ מאָדנע מרה־שחורהדיקייט דעם קאָרידאָר, געמאַכט אים ענלעך צו יענע טונקלע תפיסה קאָרידאָרן, וואָס פירן אַרעסטאַנטן אין זייערע איינצלנע קאַמערן.

פון אַ האַלב אָפענעם פענסטער האָט זיך דערטראָגן אַ כסדרדיקער קלאַפּ פון ניי־מאַשינען. עטלעכע פּאָר פיס האָבן געהאַלטן אין איין באַוועגן מיט די פוס־האַלטערס, געטריבן זיי מיטן גאַנצן כח. די נאָדלען האָבן זיך צעלאָזט אין אַ מאָדנער, טאַנצנדיקער זשומעריי און דערמאַנט אַן אַ

בינשטאק אין א הייסן זומער־טאָג. ס׳האָט אויסגעוויזן, אז דארט אינווייניק איז פאראן אַ ביליקער קאָנפעקציע טאַזשער.

אַ דארער בחור, מיט גרויסע אומגעלומפּערטע פיס, האָט זיך אין דרייען געבויגן איבער אַן אָנגעהויפנטן פּאַק הויזן, אַלעמאָל אַ כאַפּ געטון דעם פּרעס־אייזן, אַף שנעל געמאַכט דעם קנייטש אינדערמיט — און אַ שליידער געטון אין אַ ווינקל. אַ טרוקן קול, קענטיק פון באַלעבאָס, האָט מעכאַניש געציילט:

— צוויי און פופציק, דריי און פופציק...

וויינשטיין האָט געזוכט אַ שילד און ניט געקענט געפינען. ער איז פאַר־מעלעך געגאַנגען אַלץ טיפער אין קאָרידאָר ביז ער איז צוגעקומען צום הינטערגרונט. ער איז שיעור ניט אומגעפאַלן צוליב אַ פּאַק אָנגעוואָרפענע זעק, קוים דערכאַפּט דאָס גלייכגעוויכט און פאַרשטאַנען, אז ער האָט ניט געבלאָנדזשעט.

אַ געל־בלאָנדער יונגערמאַן האָט זיך געפּאָרעט אינווייניק אין אַ טונקל געוועלבטן צימער. דערהערט טריט, איז ער ארויסגעקומען זען, ווער ס׳איז. וויינשטיין האָט פאַר זיך געהאַט אַ טיפּיש אידישן הענדלער פון די יאָר יארידן.

זיין געל־בלאָנדער קאָפּ האָר, די שיטער־האָריקע באַוואַקסענע באַקן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אפּגעגריזשעטע שטיקער מאָך, און די קלוג־כיטרע, ארומלויפנדיקע אויגעלעך, האָבן דערציילט, אז דער יונגערמאַן איז געקומען מאַכן אמעריקע.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין עפּעס אַ כאַלאַט מיט אַן אויבערשטער קעשענע, פון וועלכער ס׳האָט ארויסגעקוקט אַ בלייפעדער. דערזען וויינ־שטיינען, דערשמעקט אין אים מיט דער נאָז דעם איד, און זיך פאַרגאַנגען אַף אַ גאַליציאַנער אויסשפּראַך:

— וואָס ווינטשן זי עפּעס?

וויינשטיין האָט אים אָנגעקוקט גלייכגילטיק, גלייך ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ טויטן קעגנשטאַנד, און נאָך אַ רגע פון שטילשווייגן, ארויס־געשטאַמלט:

— כ׳האָב געלייענט אין צייטונג, אז איר זוכט אַ מענטשן.

דער יונגערמאַן האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, אָפּגעמאָסטן מיט א חוצפּה־דיקן בליק פֿון אויבן ביז אַראָפּ, א פּיר געטון מיטן האַנט איבערן שטערן, גלייך ער וואָלט זיך מישב געווען וואָס צו טון, און הויך אַרויסגעזאָגט:

— קומט אַריין צו מיר אין סקלאַד, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

דער סקלאַד איז געווען טונקל, ווי א אונטערערדישער קעלער. גרויסע שערענגעס זעק זיינען ענג צונויפגעפּרעסט געשטאַנען איינער נעבן אַנדערן, שטייף פּאַרריסן די קעפּ און געמאַכט אַן איינדרוק, אַז אָן זיי וואָלט די סטעליע איינגעפאַלן...

א שווייסיקער, געדיכטער ריח, אויסגעמישט מיט שטויב פֿון אַלע מינים תבואה, האָט זיך געטראָגן פֿון די זעק אַרויס, געשפּאַרט זיך צו דער אָפענער טיר, שלאָגנדיק ווײַנשטיינען גלייך אין דער נאָז. ווײַנשטיין האָט דערפילט א מאָדנע נישט־גוטסקייט אין מויל, פּונקט ווי א חולה, וואָס האָט לייכעץ, און שטאַרק חשק געהאַט צו ברעכן.

ער האָט זיך א וואַקל געטון, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן א שערענגע זעק און גענומען קוקן מיט שטאַרע בליקן אויפן באַלעבאָס.

דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, זיך געזעצט צום טישל, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אָנגעוואָרפן חשבונות, און, געלאַסן, זיכער אין זיין איבערגעוויכט, געזאָגט:

— איך דאַרף צו האָבן אַן אויפקויפער פֿון אַלטע זעק. כ'צאָל 3 סענט פאַרדינסט פאַר יעדן געקויפטן זאַק. מסכים? האַ?

ווײַנשטיין האָט אים אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן, ווי א פאַרלאָרענער הונט, וואָס זוכט זיין באַלעבאָס, און ניט גלויבנדיק זיינע אייגענע אויערן, האָט ער געהערט, ווי פֿון זיין מויל קייקלען זיך אַרויס שטיקער ווערטער:

— גוט... מסכים... כ'וועל בײַ אייך בלייבן..

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אונטער ווײַנשטיינס פּלייצעס און דיקטירט:

— באַלסאַם דע אַסוקאַר — צוואַנציק סענט, דע אַרראָז — פינף און

צוואנציק, דע פּאַפּאַס — צוועלף, באַלסאַם דע אַרינאַ — דרייסיק, גרועסאָס כך וכך...

וויינשטיין האָט, ווי א פלייסיקער שילער, פארשריבן די פּרייזן און באמיט זיך זיי אויסלערנען אפן אָרט.

ער האָט באקומען א צען פּעזועדיקן באנקנאָט און זיך געלאָזט גיין אין גאס אריין. נאָר צופעליק איז זיין בליק געפאלן אף א ווינקל פון סקלאַד. ער האָט זיך דערשראָקן און, ווענדנדיק זיך צום אייגנטימער, האָט ער שטיל ארויסגעשעפּטשעט, כמעט ווי א געבעט:

— וואס איז דארט?

דער יונגערמאַן האָט צופרידן אריינגעשמייכלט אין זיין שיטער בערדל און א מאַך טוענדיק מיט דער האנט, זיך אָנגערופן:

— עט גוניש... א פּאָר פאלק נייט באַ מיר זעק... פארערבט זיי... עץ ווילט, קומט צו נענטער, וועט עץ זעען...

וויינשטיין האָט זיך דערנענטערט צו יענעם ווינקל. פון דער ארומיקער השכות, וואס איז געווען געדיכט, האָבן ארויסגעשטאַרט צוויי מענטשן־סקעלעטן, אן אלט פּאָר פאלק, מאן און ווייב. דיביידע זקנים זיינען געזעסן אף דער ערד, ארומגעלאַגערט מיט א בארג צעריסענע זעק, פארפוילטע, פארבלאָטיקטע, פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן א מיאוסער ריח, און די צעבויגענע פינגער, וואס האבן אויסגעזען ווי ניט דערברענטע וואַקסענע ליכט, האבן זיי געהאלטן גרויסע זאק־נאָדלען, איינגעפּעדעמטע אין לאַנגע נייע שפּאַגאַטן און פּאַוואָליע געלייגט א לאַטע נאָך א לאַטע.

וויינשטיין האָט איינגעגראבן די אויגן אין זייערע פּנימער און ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער זעט דאָ שוועבן דעם טויט. ער האָט געקוקט מיט טיפן צער אף די צוויי ארימע אלטע, וואס הויבן אויס זייער לעצטן אָטעם אין דעם פארשימלטן שטויב, און ס'הארץ האָט זיך באַ אים פארקוועטשט.

— עך האב זיי גענומען אין עמיגראנטן־הויז. — האָט פריילעך זיך צערעדט דער יונגערמאַן. — זיי ארבעטן באַ מיר פאר א פּעזע דעם טאָג. שלאָפן דאָ אויך...

וויינשטיין האָט דערפילט א ווייטיקלעכן שטאָך אין ברוסט, גלייך ווי

אַן אָנגעגליטע שפּיז וואָלט אים אָנגערירט. ער האָט זיך צוגעהערט מיט שרעק, ווי עפּעס ווילדס רייסט זיך אין אים, לויפט דורך ווי א בליץ אַלע אברים, וויל זיך באפרייען. ער האָט געהאַלטן אָנגעגרייט א געביילטן פויסט און קוים זיך געקענט באהערשן פון זיין פּלאַן: אָנכאַפּן אַט דעם געל־בלאָנדן יונגנמאַן פאַרן דאַרן האַלדז און דערשטיקן, ווי אַן אומפּלייט. ער האָט דערזען זיין אייגענע מאכטלאָזיקייט און פאַר פאַרדרוס אַראָפּגע־לאָזט א טרער...

.צוליב דער טונקלקייט פון סקלאַד האָט עס קיינער ניט באַמערקט,

וויינשטיין איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט, פּונקט ווי א מענטש, וואָס לערנט זיך גיין נאָך א טיפוס, און געחזרט: „נאָ טיענע, סעניאָר, באַל־סאַס וואַסיאַס פּאַראַ ווענדער?"

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַריינגעגאַנגען אין ערשטן אַל־מאַסען, וואָס ער האָט באַגעגנט.

דער אַלמאַסען איז געווען א גרויסער. נאָר וואָס האָבן די צוויי אָנגע־שטעלטע געהאַט אָפּגעוואַשן די פּאַדלאָגע און עפּעס א מחיהדיקע אָפּפרישנ־דיקע קילקייט האָט אָנגעפילט אַלע ווינקעלעך. די צוויי גאַליעגאַס, אָנגעטאָן אין געלע לייוונטענע אַרבעט־רעק, זיינען געשטאַנען אונטערן בופעט און מיט הנאה באַטראַכט דאָס אָפּגעטוענע שטיקל אַרבעט.

וויינשטיין האָט זיך א קער געטון צו זיי און אין איין אָטעם געפרעגט:

— נאָ טיענע, סעניאָר, באַלסאַס וואַסיאַס?

— קע? קע? — האָבן אויף אים ביידע שקצים גענומען גלאָצן מיט די אויגן.

וויינשטיין האָט געפילט, ווי א רויטקייט באַדעקט זיין פּנים, שלענ־גלט זיך לענג אויס די באַקן, גרייכט שוין די אויערן־שפּיצן און פאַרדרייט זיך אַראָפּצו צום קאַרק.

ער האָט געקוקט מיט תחנונים בליקן אויף די שקצים און געשטאַמלט:

— באַלסאַס וואַסיאַס...

די שקצים האָבן זיך איבערגעקוקט און עפּעס צווישן זיך גערעדט. איי־נער פון זיי דער גרעסערער, האָט אים געהייסן נאָכגיין נאָך זיך. ער האָט

נעעפנט אין דער פאָרלאָגע א טירל און גענומען מיט די טרעפּ אראפּגיין אין קעלער.

וויינשטיין איז אים נאָכגעגאנגען שטיל, באטריבט, ווי אף א היימישער לויה...

וויינשטיין האָט געהאלטן א פעקל זעק אונטערן ארעם און געטראכט, וואוהין צו גיין. ס׳האָט זיך אים כסדר געדוכט, אז די אויגן פון די צוויי קלייט־משרתים באגלייטן אים טריט בא טריט. לאזן אים ניט אָפּ.

— נו, וואס בין איך דען שולדיק — האָט ער זיך האלב אפן קול גענומען פארענטפערן: — שוין דריי חדשים, ווי איך גיי ארום ליידיק... אין דער דירה לאזט מען מער ניט אריין... כ׳האָב ניט וואס צו עסן...

און פילנדיק אפן אקסל די רחמנות־בליקן פון יענע, האָט ער זיך ווי געבעטן: „ס׳איז נאָר אף דערווייל... אבי איבערצוקומען די שלעכטע צייט". ער האָט זיך א רגע פארטראכט און זיך געטרייסט: „כ׳וועל נאָר פארדינען אביסל געלט, שלאָג איך מיטן גאנצן מסחר כפרה".

ער האָט שוין גארנישט געפילט. ארום זיין הארץ האָט ער געבויט א באריקאדע פון הארטן שאָלעכץ, כדי נישט דורכלאָזן אהין קיין שום באליידיקונגען.

צו אלץ, וואס האָט אים געקאנט וויטיקן, האָט ער פארשטאָפּט די אויערן.

— באָלסאָם וואסיאָם!!! — האָט ער זיך געזונגען מיט א הייזעריק קול און געוואָלט נאָכמאָכן דעם נגון פון איטאליענישן באנאנע־פארקויפער, וועלכער פלעגט אלע טאָג פארבייגיין זיין שטוב.

— נאָ טענעמאס... — האָבן אים מיינסטע אלמאסענעראס באגעגנט מיט שפּאָט.

— ווענגאָ אָטראָ דיאַ — האָבן אים ווייבינקע נשמות ניט געוואלט אָנטון פאר אמאל קיין צער.

און איינער א דיקער, אן אָנגעפרעסענער שפּאניער מיט א שווערער אויסשפּראך, האָט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן זיין קראָם, פארלייגט באלעבאטיש א האנט אף האנט און געוואלט דערגיין דעם סוד:

— אדרבא, — האָט ער געמאַכט אַן ערנסטע מינע, — זאָל ער זיין אַזוי גוט און אים געבן צו פאַרשטיין: נאָכוואָס דאַרף אַזאַ יונגערמאַן, ווי ער, אַזוי פיל ליידיקע זעק?...

ער איז אַלץ ווייטער געגאַנגען אָן אָפּשטעל. כדי זיך אַביסל פרייליכער מאַכן, האָט ער גענומען באַרעכענען וויפל געלט ער וועט קענען היינטיקן טאָג פאַרדינען. ער האָט באַטראַכט דאָס פּעקל זעק, געזען, אַז ער האָט שוין אַף עטלעכע מיטיקן און ס'איז אים לייכטער געוואָרן און מיטאַמאָל איז אים געקומען אויפן זינען דער אַלטער שמאַטע־הענדלער פון זייער שטעטל. יענער פלעגט אויך האַנדלען מיט זעק. ער האָט אים איצט געזען אין זיין גאַנצער געשטאַלט. זיין הויכע פיגור, די געדיכט־צעוואַקסענע ברעמען און לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע וויעס, וואָס זיינען אַריבערגעפאַלן איבער די אויגן און זיי אינגאַנצן פאַרשטעלט. אויך יענער פלעגט אַרומגיין מיט אַ זעקל אויפן אָרעם און שרייען: „וואַרקי, קטאָ מאַ וואָרקי דאָ ספּזשעדאַניאַ”? ער האָט זיך פאַרגליכן צו יענעם הענדלער, געזען, ווי קאָמיש ער זעט אויס און זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער. עטלעכע פאַרבייגייער האָבן אים אָנגעקוקט, באַטראַכט דאָס פּעקל זעק און ווי זיי וואָלטן אים באַדויערט, מאָדנע געשאָקלט מיט די קעפּ.

אַזוי גייענדיק, איז ער אַריינגעקומען אין אַ בעקעריי. ער האָט צום אָנהויב זיך נישט געכאַפּט, נאָר שפּעטער, אַז ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער דערזען, אַז דאָס איז די זעלבע היימישע בעקעריי, וואו ער פלעגט אָפט אַריינגיין קויפן ברויט. ווי שטענדיק האָט אים די פּופּצניעריקע יונגע שיקסל געשמייכלט גלייך אין פּנים אַריין מיט דער שורה בלישטשענדיקע ציין, געמאַכט אים לויטער דעם געמיט און איר קלינגענדיקער קול איז זיך צעגאַנגען אין ווייטן צימער:

— מאַמיטאַ, כענטע!

וויינשטיין איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט חשק געהאַט דעם מיידל עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט, קויפן באַ איר מוטער געבעקס און אַוועק־גיין. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאַנט נאָך וואָס ער איז געקומען, באַ־מיט זיך צו קריגן אַ רואיקן, גלייכגילטיקן קול און, ווענדנדיק זיך צו דעם שיקסל, אַ פרעג געטון:

— „נאָ טיענע אוסטעד פּאַראַ וועגדער באַלסאַם דע ארינאַ?"

דאָס שיקסל האָט אים מיט וואונדער אנגעקוקט און זיך פאַרקרימט. און שפּעטער האָבן זיך ביידע, מאַמע און טאָכטער גענומען פּאָרען ארום די זעק.

ווײַנשטיין האָט געפילט, ווי דער פּאַנצער פאַרשווינדט און דאָס האַרץ פאַרקלעמט זיך באַ אים פון ווייטיקלעכער חרפּה. ער האָט איינגע־לייגט די זעק, פאַרמעלט זיך אינגאַנצן, אַלע ווײַלע אַ טעות געהאַט אין חשבון און געשעמט זיך צו קוקן דעם שיקסל אין פּנים.

אַז ער איז ארויס אפן גאַס, האָט ער פרײַער אָפּגעאָטעמט, צעעפנט ברייט דאָס מויל און געשלונגען דאַרשטיק די לופט. ס'האָט זיך אים גע־דוכט, אַז ער איז איבערגעקומען אַ שווערע גרויסע סכנה.

ווידער האָט ער זיך געשלעפּט גאַס איין, גאַס אויס. די פיס האָבן אים גענומען שרעקלעך ווי טאָן. די זון, ווי אַ צעגליטער קאַלך־אויוון, האָט אים געבריט אין פּנים און אינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס. ער איז אַלץ געגאַנגען און אויפהער. דער פּאַנצער ארום זיין האַרץ איז שוין לאַנג געהאַט פאַרשוואונדן. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע באַליידיקונגען פון אַ גאַנצן טאָג און געהאַט אַ געפיל, אַז ער באָדט זיך אין שפּייעכץ. און מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך גענאַרט. אַז עס איז געווען איין גרויסער, אומפאַרגעבלעכער טעות פון אים; אַז דער פּאַנ־צער איז געווען בלויז אַ קינסטלעכע איינרעדעניש. ער האָט געזען דעם אַלטן שמאַטע־הענדלער פון דער היים, דאָס פּאַר־פּאַלק אין סקלאַד פון זעק, קלויבנדיק מיט די פינגער און פאַרשטאַנען, אַז איינס פון די ביידע וואַרט אויף אים. ער האָט געקראָגן רחמנות אויף זיך אַליין, געזען ס'אַרא אומגליק־לעכער ער איז און פאַרגאַנגען אין אַ שטילן יאָמער. פּלוצים האָט זיך באַ אים דער קאָפּ פאַרדרייט און ווי אַ ליידיקער זאַק איז ער אומגעפאַלן לענג אויס דעם טראָטואַר...

מיט פעסטע טריט

האַלטנדיק אין דער האַנט אַ קליין, פֿיין איינגעוויקלט ווייס פּעקעלע, איז פֿאַרנאַכטלעך לעווי׳ט האַסטיק אַריינגעפֿאַלן צו זיך אין צימער.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן באַם טיר אַ צעטראָגענעם בליק, לענג אויס דעם טונקעלן חלל, וואָס האָט אין דער בין השמשות שעה אָנגעפֿילט מיט פֿאַרנעפּלטקייט די ווענט — און דערזעענדיק, אַז זיין שכן איז נאָך נישט צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט, לייכט אָפּגעזיפֿצט, ווי באַפֿרייענדיק זיך פֿון עפּעס שטאַרק נישט אָנגענעמעס.

ער האָט אויף גיך איבערגעשניטן דעם דינעם רויטן שנירל מיטן ווייסן, געטאַקטן העלצעלע אין דער מיט, וואָס דער גלאַט פֿאַרקעמטער פּראָוויזאָר האָט מיט אַ רגע צוריק, אַזוי זאָרגהאַפּטיק פֿאַרבונדן — און גענומען צע־שטעלן אין סדר די איינגעקויפֿטע פּראָשקעס און קליינע פֿלעשלעך מעדיצין פֿון מוטנער געלער פֿליסיקייט, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט דורך דעם גע־שליפֿענעם גלאָז, ווי צעפּלאָסענער בורשטין.

רונצלענדיק דעם הויכן שטערן, האָט ער נאָכאַנאַנד צו זיך געמורמלט ביין:

— צו אַלדי רוחות!.. נ־נע... די אמתע פּאַרציע... אַזאַ געמיינער מנוול.

ער האָט אַ ל כ ס ו נ ד י ק אָפּגעמאָסטן דעם טיש, וואָס האָט איצט געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ קליין אַפּטייקל, מיט אַ פֿיינטלעכן קוק און אָנמעכטיק שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער דערבייאיקער פֿון שטרוי גע־פֿלאָכטענער שטול, מיט אַ זויער, רעזיגנירטער מינע פֿון אַ מענטש, וואָס גרייט זיך צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

געזעסן אַ לענגערע ווײַלע און זיך באַלד אַנטשלאָסן אויפֿגע־הויבן, צוגעגאַנגען צום עלעקטרישן שליסל און ליכטיק געמאַכט. די רויטע

שיין צוזאמען מיט דעם נאָך נישט פארלאשענעם טאג־ליכט, וואס האָט געהאלטן אין מיטן גוססן, האָט געבילדעט א מאָדנע באהעפטונג, וואס האָט זיך געהאלטן אלע רגע אין איין אָפּטיילן, פּונקט ווי פּאָסן בלאָלעכע נאָפט אין א קאלוזשע וואסער. ער האָט געקוקט מיט אנטציקונג אַף דעם ליכט און שאָטן ־ שפּיל און ווי א סימבאל האָט זיך אים אויסגעוויזן דער געראנגל.

— אייביק און אומעטום איז פאראן א קאמף פון כוחות — האָט ער געדרינגען — געווינען וועט דער שטארקערער. ליכט מוז באזיגן דעם שאָטן.

שוין אינגאנצן א בארואיקטער איז ער צוגעגאנגען צו דער וואנט און אראָפּגענומען פון דארט דאס הענגנדיקע, ווייס־בארעמטע שפּיגעלע.

ער האָט עס אָנגעשפּארט אן א הויפן ביכער, שטויס־ארטיק צונויפגעלייגטע, ווי א פּיראמידע און אנשעפּנדיק מיטן גלעזערנעם שפּריצער פון דער געלער פליסיקייט, גענומען מיט א גאזלאָנישער קאלטבלוטיקייט אריינטריפן אין די ווינקלען פון ביידע אויגן. זיינע מילדע, העל־בלויע אפּלען האָבן זיך באלד אנגעפילט מיט א רויטער קרענקלעכער פייכטקייט און דערמאנט אן אויפגעשוואָלענע בעלמעס פון שיכורים, וואס האבן זיך עקשנותדיק געקיילט מיט פלעשער.

יעדער פריש צוגעקומענער טראָפּן, האָט זיי געמאכט פארוויינטער, מיט ווייסלעך, שטארק פאנאנדערגעשפּרייטע, בלישטשענדיק מיט יענעם געמאכטן קינסטלעך־פאָלירטן גלאנץ, וואס מען טרעפט אזוי אָפט בא גאסן־פרויען.

ער האָט זיין קלסתר פנים נישט דערקענט. נאָר יעדעם מאָל ווען דער ביטערער גאָס האָט בא אים ארויסגערופן א שטארקן פיזישן ווייטיק צוזאמען מיט א רעאקציע פון זיך אליין אָנגעלאפענע טרערן, האָט זיך אים אין פרייד געדוכט, אז דערמיט קרישלט זיך אָפּ יענער שווערער עול, וואס ער האָט געטראָגן, פאלט זיך פאנאנדער, ווי א דין שפּאניש־ווענטל.

איצט האָט ער געהאט דאס שווערסטע איבערצוקומען. ער האָט געדארפט ווארטן. דער דאקטער באם קאָנסול האָט אים אָפּגעלייגט דאס בא־

שטעטיקן דעם געזונטהייטס־שיין אף צוויי וואָכן, כלומרשט האבנדיק געפֿו־נען עפּעס א פּגם אין זיינע אויגן. לעוויט איז זיכער געווען בא זיך, אז שולדיק אין דעם זיינען די ברילן. ווען נישט זיי, וואָלט זיך דער דאָקטער ניט געהאט צו וואס צו טשעפּען... אָבער איצט איז שוין געווען פארפאלן. ער האָט זיך באין ברירה געמוזט אונטערוואַרפן דעם געשעעניש. מיט פאר־קריצטע ציין איז ער ארויסגעלאָפן פון קאבינעט און גענומען באטראכטן זיין לאַגע. אומזיסט האָט ער חדשים לאנג געזוכט אין דער שיינער, גלאַ־טיק אויסגעפּאלירטער שטאָט עפּעס א באשעפטיקונג. באין ברירה האָט ער געמוזט ווייטער פאָרן אין דעם גרויסן אינדוסטריעלן צענטער פון א שכנות־דיקער מדינה אף אָנצוקומען ערגעץ אין א פאבריק. אלץ איז בא אים שוין געווען גרייט, דער באגאזש אפילו איינגעפּאקט און דא...

איצט האָט ער באדארפט זיך אָנגורטן מיט אייזלישן געדולד און וואר־טן, ווארטן שעהן און טעג. דאס לעבן בצמצום האָט אים נישט געארט. זיין מאָגן האָט דורכגעמאכט פארשידענע גלגולים, איז געווען, ווי א שטרויס פויגל, צוגעוואוינט צו כלערליי שפּייזן און סיסטעמאטישן הונגער. אָבער דאס ליידיק ארומגיין און אויסקוקערישע ווארטעניש האָט ער בשום אופן נישט געקענט פארטראגן.

— וואו נעמט מען כח אָפּצוציילן נאָך פערצן ליידיקע, מאָנאָטאָנע מעסלעסן? — האָט ער געזיפצט אין אנגסטלעכן פּיין. און פּונקט ווי אלע מאָל אין די קריטישע מאָמענטן פון זיין לעבן, איז אים געקומען צו הילף די לאָגיק, וועלכע האָט אים געלערנט: „ווארטן און גארנישט טאָן, הייסט אויך גבורה, אפשר א סאך א גרעסערע ווי אקטיוויטעט, ווייל... בא אן אר־בעט פארגעסן מיר זיך, מיר ווערן מיטגעשלעפּט, באַרוישט פון טאַט גופא, פּאסיוויטעט, אין נויטיקע לעבנספאלן, פאדערט גוואלדיקן אויסדויער און קלארן, שטארקן פארשטאנד".

ער האָט זיך, ווי א טרינקנדיקער אָנגעכאפּט אן דעם ברעטל פון זיין „ווילן" און פארביי זיינע אויגן האָבן געטאנצט שורות, אלטע, פארמעטענע, ווי ארויסגעשוואומענע פון א תהום: „איזהו גבור הכובש את יצרו".

טעג האָבן זיך געצויגן אזוינע העלע, זוניקע, מיט לויטערן ליכט באטובלטע און פארגאסן די גאנצע שטאָט מיט אזא נעץ פון פארבן, דאס געדוכט האָט זיך, אז ווער דארט אויבן פּראוועט קלאונישע שטיק מיט די מענטשן, ווייל זיי מיט עפעס מפּיס פאר די ערשטע ליידן.

לעוויט האָט געבלעטערט א בוך, געזעסן איבער אים איינגעבויגן, פאר־טאָן מיט זיינע אלע חושים, ניט וועלנדיק וויסן פון קיין זאך. אָט אזויער־נאָך פלעגט ער אפט אפּשטופּן טעג און חדשים פון יענע שלעכטע צייטן בא א יונגן פארצווייפלטן בחור, וועמען ס'דוכט זיך אויס, אז קיין גרעסע־רער ווייטיק פון זיינעם, איז שוין נישטאָ...

דער אייגענער זעלבסט־שטאָלץ, וואס זוכט יעדן איינעם צו באשיצן פון מענטשלעכע גראבקייטן, האָט אים געלערנט זיך איינצוקארטשען אין נויטיקע פאלן, אין זיך צו באהאלטן די נשמה, ווי א יעזש אין דער אייגענער פעל. ער פלעגט אין אזא צייט ארומגיין א אָנגעלאדענער, א בייזער, נישט באמערקט קיינעם, אף קיין זאך זיך נישט אומגעקוקט, נאָר אלע רמ"ח אברים ארייגעטון אין די ביכער.

אין זיי פלעגט ער געפינען א היילונג פאר אלע זיינע פּיינען און אי־בערלעבענישן.

זיי, די שטום־ריידנדיקע חברים, האבן, ווי א קלוגע, געטרייע קראנקן־שוועסטער, געוואוסט ווי צו לינדערן זיין ווייטיק.

אָבער אזוי פלעגט מיט אים פארקומען דארט אין דער אלטער היים, וואו דער טעמפּאָ פון לעבן איז געווען א געלאסענער, פאמעלעכדיקער און דער טריבער דרויסן האָט בלאטיק באשטעטיקט דעם רעאלן אמת פון זיינע מחשבות.

ס'איז נחתדיק גרינג געווען צו זיצן אין טאַטנס שטוב און פילאזאָ־פירן אף א זאטן מאָגן. אָבער איצט, ווען דאס דרום אמעריקאנישע רויטע אויג האָט צו אים ממזריש געוואונקען פון מיטן דורכזיכטיקן מושלינענעם הימל, וואס איז, ווי א זיידן־בלאָלעכער טעפּיך באַ א קימפּעטארן, נאכלעסיק געהאנגען איבער דער דרימלענדיקער, רואיק פארגאַפּעטער פּאָרט־שטאָט, איצט האָט ער באַין ברירה געמוזט דאס בוך אוועקווארפן און ווי א קאלב

געפירט מיט א שטריק זיך לאזן גיין, וואוהין די אויגן וועלן אים פאר־שלעפן.

אזוי גייענדיק מיט דער זון אין הארץ איז ער פארקראכן צו א וויי־טער, אומבאקאנטער צענטער־גאס און פון דארט א מידער זיך אוועקגע־דרייט צו דער נאָענטער פלאסע, אף א גרינער באנק, וואס האָט א באשאָ־טנטע דורך ברייטע פאלמען בלעטער, צוגעזאגט א קילן אָפרו.

לעוויט האָט געווישט מיטן טאשן־טיכעלע די זודיקע טראָפּנס שוויים, וואס האָבן שווער אנגעלאדענע, ווי אן האָגל, אן אויפהער זיך אראפגע־קייקלט פון זיין נאקן און פנים צו דער גרינער, ווייך־גראָזיקער ערד.

— א, א זון אביסל! — האָט אין אים יעדער אבר געשפרונגען פון פרייד.

און פאָכענדיק מיט זיין ברייט־ראנדיקן שטרויענעם הוט איבער דעם צעגליטן קאָפּ, ווי אן אָנגעהייצטער קעסל, האָט ער שמייכלענדיק הנאה געהאט. היי, ברודערקע, מיט אזא וועסטו לאנג קיין מלחמה ניט פאר־פירן...

די גאנצע וועלט האָט אים איצט אויסגעוויזן ווי א לוסטיקע, לאכנדיקע געלע מויד, וואס ווארפט פאנאנדער אירע געלאקטע גינגאלד האָר און גייט ארוים א נאקעטע אין א ווילדן, עקזאָטישן, געצנדינערישן טאנץ.

דער טאנץ אירער ווערט אלץ ענטוזיאסטישער, שרעקלעך־דינאמישער און ציט אריין מיט זיין פאנאטיזם אלע ארומיקע. די מענטשן באגייס־טערן זיך, שטעקן זיך אָן מיט איר פריידיקייט און זאָרגלאָזע האָפקען זיי מיט צעפלאכטענע פּיס, פארשכורטע, האלב פארחלומטע. ביסלעכוויין ווערט דער ראָד אלץ גרעסער, עס ציען זיך, ווי זומער־פויגעלעך צו א פלאם, אלץ מער און מער מענטשן פארשמאכטע מיט אומעטיק פארבענקטע נשמות.

פאָמעלעך ווערן אין אים ארייננעצויגן מאסן, גאנצע מאסן... א וועלט א גאנצע הויבט זיך, טאנצט, זינגט, קושט זיך און לאכט.

און אלע, אלע לעכצן זיי זיך צו באהעפטן מיט דער געלער זוניקער מויד, וואס, טאנצנדיק, ווארפט זי בא אירע פיס בינטלעך ליכט און שטראלן... — — — —

א לייכטער שטויס פון א דאַרער, שמוציק אויסגעשטרעקטער קנאָביקער האנט, האָט לעוויטן אויפגעוועקט פון זיינע פאַנטאַזיעס און א פּאָר איינגעפאלענע, אויסגעלאַשענע שווארץ־פאריאושטע אויגן, טיף פארזונקענע אונטער די אָנבערעמענדיקע אדערדיקע ווייעס, האבן אים הכנעהדיק אָנגעקוקט מיט א שטומען בעטנדיקן אויסדרוק פון א קראנקער חיה.

די בלייכע בלוטלאָזע ליפּן האבן זיך פּאַמעלעך באוועגט און ארויסגעשטאמלט האלב־דערשראָקן און פארשעמט: „סעניאר, דעמע אלגאָ... טענגאָ האמברע...

לעוויט האָט אויפגעציטערט און ארויסגעלאָזט אַן אָפּגעהאקטן געשריי, פּונקט ווי א מענטש, וואס איבערגעוועקט פון א פּרעכטיקער אילוזיע, דערזעט מיטאמאל זיינע צערונענע חלומות.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום מענטשן, אים אויפמערקזאם באטראכט און געפילט, גלייך שניידנדיקע מעסערס וואלטן אים צעפּיצלט זיין אינגעווייד שטיקל נאָך שטיקל און עס געבראָטן פאר זיינע אויגן אויף א שפּיז...

דאס געשטאלט איז געזעסן, ווי א שאָטן אומבאוועגלעך מיט א הילפסלאָזער רעזיגנאַציע אויף דעם אויסגעמאגערטן געל שווינדזיכטיקן געזיכט, בלויז די אויגן זיינע, די טונקל שווארצע, איצט שוין פארלאשענע, האבן אים אָנגעקוקט מיט שוידערלעכן צער.

דאָס איז געווען אַן ארבעטסלאָזער, איינער פון די מיליאָנען וואס אויף אלע וועלט טיילן, ארויסגעווארפענע דורך די באלעבאטים און נאָכן ארומגיין יארנלאנג ליידיק, האבן זיי גענצלעך פארלאָרן דאס מענטשלעכע געשטאלט און פארוואקסענע, ארומגעריסענע, אויסגעדאַרטע, ווי די שטעקנס, האָבן זיי באקומען א צורה פון שרעק ־ געשפּענסטער.

לעוויט האָט פיבערהאפט ארויסגענומען פון קעשענע א פולן הויפן מיט מטבעות, דערלאנגט עס דעם הונגעריקן, שעמענדיק זיך בעת מעשה צו קוקן אויף יענעמס געפאלנקייט.

ער האָט זיך דערפילט מיטאמאל שטארק נאריש און, דערמאנענדיק זיך אין זיין פריערדיקן חלום, אראפּגעלאָזט פאר חרפּה די אויגן, — נו, יאָ, — האָט ער זיך מיט כעס געביסן די ליפּן — כ'האָב געטרוימט פון

צעזונגענע מאסן, וואס טאנצן קעגן דער זון און גארן ליכט, און כ׳האָב דעמאלט פארגעסן, אז די מאסן זיינען הונגעריק. פארלאנגען צום ערשטן ברויט צו דער זעט.. א קלייד צו פארדעקן דעם גוף.

טרערן זיינען אים געשטאנען אין די אויגן, — אָי, ווי איז מיר — האָט ער געקרעכצט, סארא אומגליקלעכע ליידנדיקע מענטשן עס זיינען דאָ אף דער וועלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן א דערשלאָגענער און גענומ[illegible] זיך שלייכן איבער דער ווייסער זאמדיקער סטעזשקע, וואו[illegible] גע־דיכט צונויפגעמישט מיט קליינע, שפּיציקע שטיינדעלעך [illegible] האבן מאָדנע געסקרוכעט אונטער זיינע שווערע טריט, גלייך ווי [illegible] וואלט געכראמדזשעט הארטע שטיקלעך צוקער אונטער זיינע לאפּעטע ציינער.

די קלאָמבעס בלומען, זארגפעלטיק אפּגעהיטע, מיט ארומגעשניטענע גראז אף די רוקנס, פּונקט ווי אפּגעשארענע שעפּסן, האבן פאנאנדערגע־שפּרייט פון זיך א פּערפומירטן ריח און געבייצט דאס אויג מיט זייערע חן־קעפּלעך פון אן א שיעור קוויטן, וועלכע האבן, ווי בלאנדזשענדיקע כשוף פייערלעך, זיך געמיניעט אין פארביקן שיין.

א באיאָרטער אוניפאָרמירטער איטאליענישער וועכטער, האָט אף זיי געשפּריצט מיט א קישקע, אפּגעגאסן דעם סאמעט ווייכן גראז און זיין אפּ־געברוינטער פארהארטעוועטער נאפּאָליטאנער פּנים האָט געשמייכלט אין גליק.

נאָר יעדעס מאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען פארבייצוגיין נעבן א באנק, אף וועלכער ס׳האָט גערוט א צונויפגעקנאָדערט, איינגעקנוילט גע־שטאלט מיט צעריסענע טראנטעס, האָט זיך פון אים די פריילעכקייט אפּ־געטון און ווערטער האסטיקע זיינען, ווי שטיקלעך גראניט, געפלויגן איבער די אומגליקלעכע קעפּ: „טשע, וואגאבונדא, אקא עס פּראָהיבידאָ דאָרמיר”...

פויל קראצנדיק זיך מיט די שמוציקע פינגער איבער די ניט ארומגע־וואשענע לייבער, האבן זיי זיך אויפגעהויבן די עלנטע אָנהיימיקע, דאכ־לאָזע, און געשאלטן ביזן צענטן דור דעם וועכטער, דעם רשע מיט זיין סענקעוואטן שטעקן, די צוויטשערנדיקע פויגעלעך, וועלכע האבן מיט זייער

נארישן געזאנג, ניט געלאָזט רואיק איינשלאָפן און די גאנצע וועלט, וואָס איז פאר זיי א תפיסה.

א שלעכט געקליידעטע גאסן־פרוי אין שרייענדיקע קאלירן, מיט געל־זוכט פלעקן אפן קליינעם, ווי א פויסט פנימל, האָט צו אים פארבייגייענ־דיק געוואונקען, לעווויט האָט האסטיק גענומען אנטלויפן צום בולוואר, ווי געיאגט פון א בייזן גייסט.

ס'איז שוין געווען פארנאכטלעך. די זון האָט זיך געהאלטן אין איין אראפלאזן, אָפגייענדיק א געשחטענע אין אייגענעם בלוט, מיט וועלכן זי האָט באפארבט דעם גאנצן מעריב הימל. די גלאנציקע אָפענע פענצטער פון די הויכע מויערן, בא וועלכע ס'האָט זיך אָנגעשלאָגן איר לעצטער אָפ־שיין, האבן באקומען א מאָדנעם אויסזען פון צעפלאָסענעם רויט־ווייַן.

פון די דעכער אראפ זיינען געפאלן אירע פארביקע גסיסה־שטראלן, אָנגעשלאָגן זיך אין די קעפ פון די פארבייגייער און צעשפאלטענע אף טויזנטער חלקים געפויזעט צווישן די פיס.

לעווויט האָט זיך אויסגעמישט מיטן ים מענטשן, וואָס האָט זיך מיט שטראָמיקער האסטיקייט געגאָסן לענג־אויס דעםברייטן געקעסטלטן טראָטואר.

פון אלע זייטן זיינען איצט געקומען נייע און פרישע פנימער.

ארויסגעשפיגענע פון די גרויסע, ריזיקע געשעפטס־הייזער און פאב־ריקן, האבן זיי, ווי באפרייטע פון א טורמע, געאיילט אהיים.

די שטאָט האָט זיך מיטאמאל צעצונדן מיט אירע מיליאָנען עלעק־טרישע לעמפעלעך, כאָטש ס'איז נאָך געווען גוט ליכטיק אינדרויסן.

לעווויט איז געגאנגען א פארטומלטער. זיינע אויערן האבן פארנומען די ווייכע קלאַנגען פון די זיך גליטשנדיקע אויטאס איבער דעם קלעפיקן סמאָל־געגאסענעם ברוק און דאס שטילע גערויש פון די זיידענע קליידער אין די טיף־באקוועמע לעדערנע זיץ־פלעצער.

די אריסטאקראטישע מענער, אנגעטאן נאָך דער לעצטער מאָדע, האָ־בן, לויט אלע חוקים פון דער עטיקעטע, פארנעמלעך געצערטלט זייערע

מיטפארערנס און הנאהדיק זיך געקאטשעט מיט אפגעריסענע צווײדײטיקע געלעכטערלעך.

ער האט זיך פארשטאפט די אויערן, נאר די אלע זארגלאזע, צעהרליעטע קולות האבן אים דורכגעלעכערט און זיך ווי גערייצט מיט אים...

פון די רייכע קאפעען האט געהאלטן אין איין שטראמען מוזיק.

אף די הויכע באלוסטראדעס האבן טיף דעקאלטירטע חוהס טעכטער אין טיולענע ווייסע קליידער, ווי שוועבנדיקע פויגל, געצויגן נאכאנאנד די סמיטשיקעס. זאטע, טעמפע, רייכע פנימער פון אלטע בעל־עבירהניקעס האבן מיט שוים אף די ליפן געקוקט פון זייערע מארמאר־טישלעך ארויפצו צו די געטאקטע ליטקעס און געגאווערט פון תאווה...

— אט זיי זיינען עס די שולדיקע אין מענטשלעכן עלנט — האט לעוויט, ווי געפרעגט דורך ווענען, געגומען טייטן אף זיי מיט די פינגער— זיי, די רייכע ליידיקגייער... בלוטזויגערישע פיאווקעס...

פאר זיינע אויגן האבן פארבייגעשוועבט, ווי סילועטן, די געשטאלטן פון דער פלאסע. ער האט געזען דעם אויסגעלאשענעם פארצווייפלטן בליק פון ארבעטסלאזן. איצט האט ער אים ארומגעזוכט. ער האט אים געוואלט נישט קיין נדבה געבן, נאר דערציילן פון א נאענטער צייט, וואס שפאנט מיט האסטיקע טריט פארויס.

א שעה פון וועלטישן אויפברויז, ווען אלע ברידער, עלנטע, אומגליקלעכע וועלן מיט געזאנג ארויס אף די גאסן און נקמה נעמען אן די אלע, וואס האבן פון זייערע לעבנס א שפילכל געמאכט. -- „ס'איז שוין פול געווארן די מאס פון שלעכטס" — האט ער מיט יענעם אומזעבארן ארבעטער גערעדט — „די צייט וועט אף זיך שוין לאנג נישט לאזן ווארטן"...

ס'איז נאך געלעגן דער פרימארגן אף די שטאטישע גאסן, ווען לעוויט האט זיך גענומען גרייטן גיין צום קאנסול. ער האט נערוועז ארומגעשפאנט איבער זיין שמאלן צימערל און איבערגעטראכט די וויכטיקע ערנסטקייט פון זיין באלדיקן וויזיט.

— אן דעם אלטן, פליכעוואטן עובר בטל וועגדט זיך איצט אלץ —

האָט ער אומעטיק געקלערט. ער האָט גענומען דעם הוט אין האַנט, שוין געשטעלט א טריט פאַרויס צו דער טיר, נאָר באַלד זיך געכאַפּט צוריק־ווענס.

יאָ, ער האָט זיך איינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם רעצעפּט. איצט איז ער געגאַנגען פאַרריכטן זיין טעות. ער האָט קאַלטבלוטיק זיך אַרייגעשפּריצט אין ביידע אויגן א דאָפּלטע דאָזע און, ווישנדיק די אַראָפּגעפאַלענע גע־זאַלצענע טרערן, געהאַט אַן איינדרוק פון א מענטשן, וואָס נעמט אויף זיך שטראָף, כדי צו ריינוואַשן דעם געוויסן...

אין פאָדערהויז, באַם קאָנסול, אויף די געדרייטע, ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ זיינען שוין געזעסן פון באַגינען אָן עמיגראַנטן און אַלעמאַל, ווען די שווערע, אייזערנע הויז־טיר האָט זיך געעפנט, האָבן זיך אַלע דער־שראָקן, מיינענדיק, אַז אָט־אָט קומט „ער" שוין אָן.

נאָר דער קאָנסול האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געאיילט. ער האָט צייט געהאַט. איז טאַקע פאַמעלעך דער קאָרידאָר און די טרעפּ פול געוואָרן מיט באַזאָרגטע עמיגראַנטישע פּנימער, מיט ווייבער און קוויטשנדיקע עופעלעך אויף די אָרעמס, וועלכע, נישט קוקנדיק אויף די שפּעדיקע מאַמישע ברוסטן, וואָס מ'האָט זיי געשטופּט אין די מיילעכלעך, זיינען זיך פאַרגאַנ־גען אין אַלע העכערע קולות פון אומאויפהערלעכן, יאָמערישן, האַרצרייסנדיקן געוויין.

אין א זייטיקן ווינקל האָט זיך פאַרקליבן א גרויסע טערקישע משפחה פון ווייבער און אַן א שיעור קינדער מיט איינער א מיטליאָריקער, שוואַרץ־געקליידעטער פרוי אין דער מיט, וועלכע האָט געהאַלטן אין איין באַלע־באַטשען מיט אַן עקסצענטרישן קול אויף א משונהדיקן אומפאַרשטענדלעכן לשון.

אירע הענט האָבן געפּאַכעט, ווי שוואַרצע פליגלען און פון מויל האָבן זיך געשאָטן האַרטע ווערטער, באַגלייט מיט א קאָמישער זשעסטיקולאַציע, און ווען נישט דער טראַגישער צער אויסדרוק אויף איר איידל־באַחנטן פּנים, וואָלט מען זיכער געמיינט, אַז דאָס שטעלט זי פאָר א בילד אויף די ברעט־לעך פון א לעצט־ראַנגיקן וואָדעוויל־טעאַטערל.

— ואני אומר לך, שאם לא אקבל את הויזה, אני נוסע ישר דרך

סלטה — זיינען צו לעוויטס אויערן דערגאנגען העברעאישע ווערטער, ארויסגעזאגטע מיט א ניגון פון א קליינשטעטלדיקן ישיבה־בחור.

ער האט זיך פארוואונדערט אומגעקוקט. א משונהדיק לאנגער בחור, שרעקלעך אויסגעדארט, האט געגעבן צו פארשטיין זיין חבר, וואס האט אים באגלייט, אז ער האט דעם קאנסול דווקא אין דער אדמה... זיינע הויכע, דינע פיס, וואס האבן אויסגעוויזן צו שטיין יעדע רגע אין סכנה אף איבער־צוברעכן זיך, האבן ווילד ארויסגעשטארט פון די אויסגעוואקסענע הויזן, און געדוכט האט זיך, אז אט באלד וועט דער מאנעקין אומפאלן.

די איבעריקע, מיט פעקלעך דאגות אפן קאפ, האבן געשוויגן מיט א אנגעדראלענע מינע פון מענטשן, וואס ווייסן, ווי טייער צו שעצן יעדע רגע, איידער דער גזר־דין ווערט ארויסגעטראגן.

שפעטער צו, ווען דער באדינער האט אויפגעמאכט די טיר פון ביורא און פון אויבן אראפ געענטפערט אף די חניפהדיקע באגריסונגען און אונ־טערגעטראגענע „בוענאס דיאס", איז געווארן אביסל רוישיקער.

דער עולם האט גענומען שלעפן פון די בוזים־קעשענעס ארויס פעק מיט דאקומענטן און אלערליי פאפירן. וואס האבן ווען נישט איז אין דער היים, בא זיך אין לאנד, געהאט א שטיקל ווערט.

— „יאנקו ניע טראטש שען, וושיסטקא בענדזשע וו נאלעפשים פארזשאנדקו" — האט א אנגעכמורעטער פאליאק מיט שטעכעדיקע שלאכטישע וואנצעס צוגעגעבן מוט זיין זון, וואס האט זיך געהאלטן מיט אזא שנאה באם אפגעבריטן, מיט רויטע פעמפעס באדעקטן באק, גלייך ער וואלט עס וועלן ערגעץ אונטערווארפן.

מיטאמאל איז געווארן א שטארקער גערודער אף די טרעפ, אלע האבן זיך אומגעקוקט.

א גרופע עסטרייכישע אלפן־בחורים מיט לייכטע ספארט אנצוגן אף די מוסקולירטע קערפערס, האט ראשיק אריינגעמארשירט כמעט מיט א זעל־נערישן טראט.

פון יעדן אבער זייערן האט געשפרודלט די געזונטקייט, און די לאכנ־דיקע רייד פון זייער פליסיקן, לייכטן דייטש האבן ווי א זומער־רעגן אפ־געפרישט די טריבע אטמאספער.

בא זייער אנבליק האבן זיך נאָך עלנטער און מער פארשעמט דער־פילט די אלע פון דער נאטור־געשטראָפטע קאליקעס, ענגער באהאלטנדיק זיך מיט די אכזריותדיקע קאלטע בליקן, וואס האבן באטראכט די פרעמד־געווארענע אייגענע צעקריפּלטע גלידער, די שולדיקע אין זייער בראָך...

לעוויטן איז לאנג אויסגעקומען צוווארטן ביז וואנען דער באדינער האָט אויסגערופן זיין נאָמען.

ער האָט זיך מיט הארצקלאַפּעניש דערנענטערט צום טיש אף וועלכן ער האָט באמערקט זיין פּאספּארט אויפגעעפנט מיט דער פאָטאָגראַפיע זייט, גרייט נאָר צו שטעמפּלען.

— „וועט ער שוין, אפשר, איצט באקומען די וויזע?" האָט אים א האָפנונג א שיין געטון. ער האָט דאָך אויסגעפאָלגט אלץ, וואס מען האָט אים געהייסן, אלץ... דער פליכצוואטער דאָקטער מיט דער רויטער, ווי אנ־געשוואָלענער, גראָבער נאָז, האָט אים מיט א וואונק פון די פארגאסענע אויגן, געהייסן זיך אוועקזעצן אף דער שטול.

זיינע דינע, צעווירענע, ווייבערשע פינגער האבן ווי שלאנגען גענומען ארומקריכן איבער זיינע שלייפן.

ער האָט א כאַפּ געטון די לעפלעך פון די אויגן און זיי איבערגע־קערט אף דער אנדערער זייט.

אין א מינוט ארום, וואס האָט זיך לעוויטן אויסגעדוכט צו זיין א גאנ־צע אייביקייט, זיינען שוין געקראָכן די לאקריץ זיסע דאקטערשע ריידעלעך:

— נו יא... א קלייניקייט... דארט בא אייך... עפּעס... עפּעס:... טאַקי נישט מער, ווי גארנישט...

ער איז געשטאנען מיטן רויטן בליי־פעדער און געווארט, גלאצנדיק אפן טויט דערשראקענעם לעוויטן.

נישט באקומענדיק קיין ענטפער האָט ער שטיל זיך צעביקעט און אָנגעשריבן עפּעס א ציפער מיט כעס.

לעוויט האָט איבערגעלייענט און ס'האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ, ער האָט געדארפט ווארטן נאָך זעקס וואָכן...

אהיים האָט זיך אים נישט געגלוסט צו גיין. ס'האָט זיך אים גע־דוכט, אז דארט, בא אים אין צימער, ווארט אף אים די „שרעק" פון אלע

ווינקעלעך ארוים, וויל זיך מיט אים א שפיל טון, אונטערטעניק מאכן צו אירע קאפריזן.

מיט זיין גייסטיקן אויג האָט ער זיי געזען, די לאנגע שווארצע שאָטנס, וואס וויקלען זיך חמרימווייז איבער די קעפ פון ארבעטסלאזע, סטראשענ־דיק מיטן גאנצן ארסענאל פון קומענדיקע הונגער־טעג און דערנידערונג.

ער האָט זיך איצט געמוזט בארוישן, זיין אין געטומל, אין געווירבל פון רוישיקע צענטער־גאסן, כדי זיך צו פארגעסן.

נאָך א לאנגן, לאנגן בלאָנדזשען פון איין גאס צו דער צווייטער, האָבן אים זיינע פיס צוגעפירט צום ים, א חוץ עטלעכע אפגעברוינטע, בארוועסע שקצימלעך, וואס האבן פארווארפן לאנגע ווענדקעס און אומגע־דולדיק געווארט אף א בלעזלען אין וואסער. — איז קיינער דאָ מער נישט געווען.

דער ים איז געלעגן רואיק, ווי א שלאפנדיק קינד און בלויז פון צייט צו צייט אפגעצויגן דעם אָטעם מיט א לייכטער באוועגונג. לעוויט האָט זיך אוועקגעזעצט אף א דערבייאיקן פלאכן שטיין און, קוקנדיק אין אומענדלעכן שטח, מעלאנכאליש געטראכט פון דער ווייטער, ווייטער, אומזעבארער, גרויסער הויפט־שטאָט, וואס ציט זיך אנטקעגן איבער מיט אירע פארשפיצ־טע פאבריק־קוימענס און וואוהין מען לאזט אים נישט אריין.

ס'האָט אים ארומגעכאפט אזא בענקשאפט אהינצו און א מעכטיקער כעס קעגן די מאכט־האבער, וואס האבן זיך אים ווי א דאָרן געשטעלט אין מיטן זיין וועג: — „זיי” קירעווען עס מיטן מענטשן. באפעלן אים — אהערצו מעגסטו יאָ גיין און אהינצו נישט... דאָ, ביז דעם רויטן סלופ, איז „דיין לאנד” און דארט, פון גרינעם וואך־ביידל, איז „פרעמדע” טע־ריטאריע.

ער האָט זיך סארקאסטיש פאנאנדערגעלאכט.

און די ציוויליזאציע פון דער היינטיקער וועלט, מיט וועלכער די „קעפ” פון דער מענטשהייט שטאלצירן אזוי, — וואו איז זי?... און די געבענטשטע דעמאקראטיע פון צוואנציקסטן יאר־הונדערט פון די אלער־העכסטע געזעצגעבערישע פרעכטיקע פארלאמענטן, וואו האָט זי זיך אהינ־געטון?

און די אלע וואוילקלינגענדיקע פראזעס פון „גלייכהייט", „פרייהייט" און „ברידערלעכקייט", — פארוואס זיינען זיי גראד איצט אנטשוויגן געווארן?.. און יענער אלטער דאקטערל, איז אים אדורכגעפלויגן א געדאנק, דער טרייער שומר פון „געזעץ", ווען ער שטעקט אים אונטער אין ארבל אריין עפעס א פעטע מטבע, וואס א שטייגער וואלט דערפון געווארן?

ער האט זיך דערמאנט אין זיין רויטער, אראפגעלאזענער נאז און קליינע פארשיכורטע אויגעלעך, זיכער געווען, אז ער ליגט גאנצע נעכט אין קאבארעטן, שטענדיק פעלט אים אויס געלט... פארהאלט ער טאקע די וויזע, כדי...

יא. ס'איז אן שום ספק אזוי. וואלט ער דאך אים נישט פארהאלטן אומזיסטע מינוטן אין פארמאכטן קאבינעט און נארעשעוואטע, ארויספאדערנדיק קיצלדיק געשמייכלט. ס'האט אים איצט פארדראסן, וואס ער האט עס פריער אליין אזוי גלאטיק אנגענומען פאר א כשרער האנדלונג אין נאמען פון א געזעץ.

— געזעץ... געזעץ... אין וואס פאר א שרעקלעך־דעמאנישע באשעפעניש האט די קאפיטאליסטישע וועלט ארדנונג פארוואנדלט דעם אמאליקן ערלעכן, מענטשלעכן באגריף — האט אין אים געקאכט דאס בלוט פון רציחה, אין זיין נאמען, ווערט אליץ געהייליקט. אלע געמיינקייטן באגאנגען... ער האט געזען ליגן די גאנצע מענטשהייט א געבונדענע מיט טויזנטער פאלשע געזעצן, א געפענטעטע, נישט צו קענען זיך א ריר טון.

וואס וועט דאן זיין?!.. וואס וועט דא זיין?.. האט אין אים יעדער אבר געוואיעט.

א טרויעריקער, האט ער דעם קאפ אראפגעלאזט און מיד פון די איבערלעבענישן און דאגות צופרידן זיך געלאזט צערטלען פון קילן ימווינטל, וואס האט ביסלעכווייז אים פארוויגט.

ער האט איינגעדרימלט און געזען אין חלום די וועלט א צעבליטע, ווי א פרילינג־גארטן, מיט גליקלעכע מענטשלעכע ישובים, וואס געניסן אלע גלייך פון זייער מי.

באם גאניק פון א רויט־ציגלנער שטוב איז געשטאנען א יונגערמאן און מיט פרייד זיך צוגעקוקט, ווי זיין קינד, א זעקס יאריק מיידעלע רייסט

בלימעלעך פון גערטנדל ארויס. — ווער קען דאס זיין?... עפּעס א באקאנט געזיכט... אמאָל אים ערגעץ, דוכט זיך, געזען.. .

ער האָט זיך אנגעשטרענגט צוגעמאַכט די אויגן און געזוכט אין זכרון.

— א־א־א, האָט ער זיך קוים דערמאנט אן איבעראשטער:

דאס איז דאָך יענער ארבעטסלאזער פון דער פּלאסע... ווי ווייניק ענלעכקייט ער האָט איצט געהאט מיט יענער גרויליקער פאנטאזמע?!

א נייגעריקער האָט ער זיך ארייַנגעגנבעט אין גערטנדל און געזען אף א שטיינערנער באנק זיצן א יונגע פרוי מיט א פּיצל קינד אפן ארעם. דאס רויזלעכע פּנימל פון קינד איז געווען געווענדעט צו די שטראַלנדיקע אויגן פון דער מוטער, אף וועמענס ליפּן ס'האָט געגלוט א גליקלעכער שמייכל.

— אך! — האָט ער פון גרויס וואונדער א צאפּל געטון.

דאס איז דאָך די גאסן פרוי... אָבער וואו זיינען עס אהינגעקומען אירע געלזוכט פלעקן אפן קרענקלעכן פּנים?... — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט האָט די נאכט שוין געגרוט א שווארצע איבערן ים און א צפון ווינט האָט געפּאלדעוועט איר טרויער קלייד מיט שוים אף די ליפּן.

לעוויט האָט זיך א צעטומלטער אויפגעהויבן, דערפילט ווי זיינע גליד־ דער גליווערן אין אים פארשטארט, און געוואונדערט זיך, ווי ארום ער געפינט זיך דאָ. ער האָט זיך ארומגעקוקט, דערזען פון דער נאנט דעם פּאָרט א לייכטנדיקן, א פרייַלעכן און, ווי געצויגן פון עפּעס א שטארקער מאגנעטישער קראַפט, זיך אהין געלאזט.

ס'איז געווען ערב א שיף אפּגאנג. לעוויט איז געשטאנען און זיך צו־ געקוקט, ווי פלינק די ארבעטער לאדן אן די שווערע זעק, הויבן זיי אויף אין דער הויך אזוי פלינק, ווי קישנס, איבערווארפנדיק פון האנט צו האנט, ווי ס'ווארפן די מויערער ציגל.

פון שטענדיק אָן האָט ער געפילט א מאָדנעם יראת הכבוד צו די שווערע האָרעפּאשניקעס, מיט די אָפענע, ברייטע, האריקע ברוסט־קאסטנס,

וועלכע נעמען אויף דעם לעבנס־עול אזוי גרינג מיט א רואיקער פילא־זאָפיע און פארשטענדניש פאר „ליידן"...

— העי, לעוויט וואס טוסטו דא, — האָט ער פּלוצלינג דערהערט א באקאנט קול. פאר זיינע אויגן איז אויסגעוואקסן די שטארקע פיגור פון פאיסאן זיינעם זאלקינד.

זיי האבן זיך ווארעם געדריקט די הענט. —

— טשע, וואס טוסטו דאָ?

— ? ? ?

— כ'פרעג דאך דיר עפעס. הא? וואס שווייגסטו, גולם איינער! — האָט זיך זאלקינד הויך צעלאכט מיט זיין באריטאָן שטימע. — כ'קוק דיר שוין אָן פונדערווייטן, אוודאי א האלבע שעה אפן זייגער. וואס שטייסטו א פארחלומטער, גלאָצסט די אויגן אף די מענטשן: קוקסט און דאכט זיך זעסט קיינעם נישט. וואס — דו כאפּסט פליגן, אדער בלאנדזשעסט אפן מארס?

לעוויט האָט געהויבן מיט די אקסלען און געשמייכלט.

— זעסט, נא דיר גאָר פרישע פּרעטענזיעס... אט א קאנטראל־ער. פון ווען אן רעכנסטו איינצופירן א שטייער אף חלומות? וואלסט דוכט זיך בעסערע געשעפטן געמאכט, ווי דארט, בא דיין טראַמוויי.

זאלקינדס פּנים האָט זיך פארצויגן מיט טרויער...

— ווייסט, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א געבראכן קול — כ'אר־בעט שוין נישט א פּאָר וואכן... מ'האָט בא מיר אין קאָטש געפונען א פּאסאזשיר אָן א בילעט. פארשטייסט. ס'איז געווען דעמאלט געפּאקט קעפּ אף קעפּ... נו באלד אף צומארגנס האָט מען מיר ארויסגעווארפן פון דער קאמפאניע, אזוי ווי א הונט.

לעוויט איז געריִרט געווארן פון זאלקינדס רייד און ווארעם - מילד זיך אָנגערופן:

— ווייס איך וואס. דו, ברודער, דאגה נישט, ווי זאגט מען עס: ער־גער פון שלעכט קען שוין נישט זיין. און דיין גאנצער פארדינסט איז דאָך געווען איישי מיט שיישי... נישט מער ווי וואסער אף קאשע... גלויב מיר וועסט נישט פארפאלן ווערן.

— יאָ, יאָ, — האָט זאַלקינד געשאָקלט מיטן קאָפּ. דעם אמת גערעדט, איז שוין די אַרבעט פון אַ גוואַרדיאַ מיר אַליין נמאס געוואָרן, ווי דער טויט. נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, און דאָ גיי ציטער פאַר אַ ליאַדע אינספּעקטאָרל... אַז דער רוח האָט געמעגט נעמען די ענגלענדער, נאָך איידער זייער פוס האָט אויף דעם לאַנד געטראָטן. אַזעלכע עקספּלואַטאַטאָרס...

— נו, איז צו וואָס קלערסטו איצט זיך צו נעמען? — האָט לעוויט אין אים געפּונען אַ אח לצרה.

— כ'זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס. וואו מען קומט אַריין פרעגן אויף אַרבעט, איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: „נאַדאַ, נאַדאַ...” און צוריקגעשמועסט, וואָס איז דער וואונדער? די שטאָט איז דאָך, ווי אַ גלענצנדיקער בית עולם. קיין פאַבריקן האָסטו דאָ נישט, גאָלד גרובנס אויך נישט... בלויז רייכע, אַספאַלטירטע גאַסן און פּלאַזשעס — כאָטש גיי אַלע טאָג באָד זיך אויס אַ צען מאָל און לייג זיך אַוועק אינמיטן גאַס פּגרן פון הונגער.

— דאָך מוזטו זיך אויף עפּעס באַשליסן — האָט לעוויט, מער מיט זיך, ווי מיט אים היים איינגעטענהט. קענסט דאָך נישט זיך אַוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט און קלאָגן ווי אַ אידענע, דאַרפסט דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז...

זאַלקינד האָט אים איבערגעהאַקט אין מיטן די רייד.

— כ'על דיר איינשפּאָרן אַן אומזיסטע אַרבעט, האָט ער צוריק גענומען לאַכן אויף זיין שטאַרקער באַריטאָן שטימע, — כ'האָב איבער מיט אַלע צרות אויף אַמאָל. כ'פאָר אַוועק פון דאַנען קיין בוענאָס איירעס... אָט דאָס אַלץ... צוליב דעם טאַקע געפינען איך זיך דאָ, — האָט ער צוטרוילעך אַראָפּגעלאָזט זיין קול. — כ'וואַרט איצט אויף עמיצן, וואָס קען מיר צושטעלן די נויטיקע פּאַפּירן.

לעוויט האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די לעצטע ווערטער, ווי אַ טרינקנדיקער אין זיין איינציקן רעטונגס־גאַרטל.

— נעם מיך אויך מיט. — האָט ער גיך, אין איין אָטעם, אַרויסגעזאָגט — כ'מוז פונדאַנען וואָס גיכער אַוועקפאָרן, כ'פיל, אַז ווען ניט — ווער איך דערשטיקט. ס'פאַרפעלט מיר דאָ לופט. ס'איז מיר ענג געוואָרן...

פֿאַרשטייסט? איך בין שוין דאָ אַ פּערמאַנענטער אַרבעטסלאָזער געוואָרן, איינער פֿון די, וואָס װעלן אינגיכן דאַרפֿן אָנקומען צו רחמנות... פֿאַרשטייסט? הא זאַלקינד, פֿאַרשטייסט?!

— גוט — האָט זאַלקינד, צופֿרידן איינגעשטימט, ס'איז נאָך לטובה וועגן, ס'וועט אונדז זיין היימלעכער אויפֿן וועג.

— קום, — האָט ער אים אַ צי געטון באַם אַרבל — מיר דאַרפֿן וואַרטן אויף „אים" אין דער אַנטקעגנאַיבערדיקער קאַפֿע.

די קאַפֿע: „שטאָלענער אַנקער" איז געווען האַלב־ליידיקלעך. פֿון די קליינע מאַטע פֿאַרשטויביקטע, עלעקטרישע לאָמפּן, איז געפֿאַלן אַ טונקעלע שיין אויפֿן שמוציקן, מיט סטראַטשינעס באַדעקטן פּאָל. די אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט, אויף וועלכע ס'זיינען געווען אויסגעמאָלט משונהדיקע בילדער, וואָס האָבן אַמאָל געדאַרפֿט מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ העלדישן קאַמף פֿון אַ פֿישער־שיף מיט די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס, האָבן איצט געטריפֿט פֿון נאַסקייט און שטינקענדיקן רויך.

באַ אַ זייטיק טישל, אַ פּוס איבער אַ פּוס פֿאַרלייגט, זיינען איצט געזעסן עטלעכע פֿאַרשווינגען מיט מאָדנע צוויי־פֿלהאַפּטע געזיכטס־צוגן און צעשניטענע פּנימער, איבערוואָרפֿנדיק פֿון אַ לעדערנעם בעכער, ווייסע ביינדעלעך, וועלכע זיינען זיך צעפֿאַלן אַלעמאָל מיט געפֿילדער אויפֿן דעמבענעם טיש־ברעט.

נאָר באַ יעדן קאָן, ווען דער „געווינער" האָט מיט נישט קיין באַהאַלטענער פֿרייד צוגעשאַרט צו זיין זייט עטלעכע געלע אַרבעסלעך און פֿאַרנאָטירט ציפֿערן אויף עפּעס אַ פּאַפּיר, איז אַנטשטאַנען אַזאַ שרעקלעכע האַמפּערדיקע קריגעריי, באַגלייט מיט ציניש זידל־ווערטער, אַז ס'וויטן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט אויסברעכן אַ בלוטיק געשלעג.

דער באַלעבאָס, אַ דיקער, געפּאַקטער גאַזשעגאַ מיט אַ באַוואַקסענעם האַרט־האַריקן, ניט ראַזירטן פּנים, האָט זיך דערפֿון קיין שום וועזן ניט געמאַכט.

ער איז זיך געשטאַנען רואיק אונטערן בופֿעט און געהאַלטן אין איין

שווענקען די גלעזער אונטערן אויפגעמאכטן קראן, אויסרייבנדיק זיי פלינק מיט א דין בערשטל.

א יונגער טרעגער מיט א בלעכענעם אויפשריפט אפן צעקנאדערטן היטל האט גיריק געביסן פון א קליין ברויטל, פארטרינקענדיק מיט הייסער קאווע און האט דערביי געשאלטן מיט טויטע קללות דעם קארגן בעקער יונג, וואס האט געזשאלעוועט נאך א שטיקל טייג...

לעוויט מיט זאלקינדן האבן זיך אוועקגעזעצט בא א באזונדער טישל, נעבן פענסטער, באשטעלט עפעס צו טרינקען און אומגעדולדיק געווארט אפן „מאכער".

די שעהן האבן זיך גערוקט פאמעלעך, ווי פוילע הינט און דאס מאנאטאנע קלינגען פון וואנט זייגער האט ווי אפגעחוזקט פון זייער כּפּלה.

ביידע האבן זיך שוין געקליבן צום צענטן מאל אוועקגיין, באלד חרטה געהאט און נערוועז צוגעפויקט מיט די פינגער אן אלטן, פארשלאפענעם ניגון.

— אט גייט ער, אט גייט ער — האט זאלקינד פון גרויס איבערראשונג זיך א הויב געגעבן פון שטול און אנטקעגנגעלאפן צו דער טיר.

אף דער שוועל פון קאפע איז געשטאנען א שווארץ־חנעוודיקער יונגערמאן מיט צארטע ווייכע ליניען אפן מאטן פנים און נאכלעסיק - פויל געזוכט עמיצן מיט די אויגן.

דערזעענדיק זאלקינדן, האט ער א שטעל געטון א טריט פארויס, נאך אלץ מיט דער זעלבער פוילער נאכלעסיקייט, גלייך ער וואלט דא א גאסט געווען און ווייסט געהאט קיין שום געמיינזאמעס מיט א וועלכן נישט איז באזוכער.

מיט א פלעגמאטישן קול האט ער זיך בנעימותדיק פארענטפערט פאר זיין שפעטן קומען, ווינקענדיק תוך כדי דבור אף לעוויטס זייט, אויב ס'שטעקט חלילה נישט קיין סכנה...

זאלקינד האט אים בארואיקט.

— ס'איז א חבר מיינער. וועט אויך מאכן די זעלבע פאפירן...

אפן „מאכערס" פנים האט זיך געוויזן א קוים מערקבארער צייכן פון צופרידנקייט.

— נו, מילא... נו, מילא...

באלד איז ער איבערגעגאנגען צום עצם ענין: „ער קומט נאָר וואס פון דער אדואנא", דארט אפגעחורשט דעם שרייבער, מארגן, איבערמארגן, וועט אלץ זיין דערליידיקט. נאטירלעך — האָט ער באשיידן געשמייכלט, —פעלט אוים געלט... ווי פיאוועקעס רייסן „זיי" די הויט. אלע, אלע מאָנען...

זאלקינד האָט זיך אנגערופן: — קומט מירן ארויסגיין אין דרויסן. דאָ קוקן אונז אלע אָן.

זיי האבן צוגערופן דעם מאסא, זיך צערעכנט און פארלאזט די קאפע.

אין דרויסן האָט ער זיי אנגענומען געארעמט און באלד פארצויגן א לייכטן געשפרעך איבער דער זינלאָזיקייט פון לעבן.

ער האָט גערעדט אין א לייכטן שפאניש, מיט א מאדרידער אקצענט, און יעדעס מאל איבערגעפרעגט. צוטרוילעך, אויב זיי פארשטייען. זאלקינד און לעוויט זיינען, ווי תלמידים, נאָכגעגאנגען זיינע טריט און געשלונגען מיט דרך ארץ די תורה, צושאקלענדיק אין פולער הסכמה מיט די קעפ אף זיינע רייד.

ער האָט זיך באקלאגט אף די שלעכטיקייטן פונם לעבן. א ערלעכן מענטשן איז שווער אף דער וועלט. אומעטום קומט אים אוים צו ליידן. אָט ער, למשל, האָט ער פארזשמורעט אומשולדיק די אויגן, איז געווען מיט א שטיקל צייט צוריק גוט איינגעארדנט. געארבעט אף א מלוכה־שטעלע... און ווען נישט די צרה, וואס ער קען נישט הנפענען, וואלט ער דארט עד־היום פארבליבן. מ'האָט אים דארט אזוי לאנג דערגאנגען די יאָרן אלעמאל מיט אנדערע צוטשעפענישן, ביזוואנען ער האָט א שפיי געטון, זיך אויפ־געהויבן און אוועק.

דערנאך איז ער פלוצלינג אריבער אף א שמועס וועגן ליטעראטור, —„דאס איז זיין גאנצער אנהאלט אף דער וועלט" — האָט ער זיך פאר־שעמט מודה געווען. ער האָט זיך באמת ארויסגעוויזן צו זיין באהאוונט אין די ווערק פון די אלע בארימטע אייראָפעאישע שרייבער.

פארוואונדערט איבער זיין משונהדיקער פרנסה, וועלכע פאסט זיך

דאָך אזוי נישט פאַר אַזאַ אינטעליגענטן מענטש, ווי ער איז, האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס טוט ער לשם נקמה.

דערמיט לאַכט ער אָפּ פון דער פאַרפוילטער ביוראָקראַטיע, וועלכע באַגייט אַליין אין דער שטיל די גרעסטע גנבות.

אַגב איז בײַ דעם פאַראַן אַ שטיקל סוד. ער פאַרשטייט די אָרעמע לאַגע פון די עמיגראַנטן, וואָס קענען זיך ניט העלפן. ער האָט פּשוט רחמנות... נו, טאַקע פאַרוואָס זאָל ער נישט באַהילפיק זײַן די אומגליקלעכע וואַנדערער, אויב ער קען דאָס טון?... מיט זײַנע שיינע, איידל ארויסגעזאָגטע הומאַניטאַרע רייד, האָט ער זיי ווי פאַרכישופט, דער „מאַכער".

זיי האָבן זיך איצט געפונען אינגאַנצן אונטער זײַן ווירקונג.

ליכט און זיכער, האָט אים לעוויט אָפּגעגעבן זײַן געלט און זיך אָפּגערעדט אויף מאָרגן אינדערפרי צו טרעפן.

באַם אוועקגיין האָט ער זיי וואַרעם געדריקט די הענט, ווינטשנדיק העפלעך, אַ זיסן פריילעכן שלאָף...

נאָר אויף מאָרגן אין דער אָפּגערעדטער שעה איז דער „מאַכער" נישט געקומען.

ביידע חברים האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן טראָטואַר אַהין און צוריק, אומזיסט אויסקוקנדיק די אויגן אויף אַלע זײַטן. שוין זײַנען אַריבער און ער האָט זיך נישט געוויזן, און אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. דעמאָלט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען געפאַלן אַ קרבן פון אַ שווינדלער, איינער פון יענע פאַרדעכטיקע, עלעגאַנט־געקליידעטע טיפּן, וואָס דרייען זיך אַרום, ווי רויב־פויגל אין אַלע פּאָרט־שטעט.

לעוויט איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. — „אַזוי ענגליש געלאָזט זיך אַרײַננאַרן" — האָט ער בייז געמורמלט.

ס'האָט אים נישט געאַרט אַזוי פיל דאָס געלט, ווי דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון ווייטיקלעכער בושה, וואָס מ'האָט אים אָפּגענאַרט. איצט פאַרטרינקט ער אוודאי אין קאָמפּאַניע זײַער לעצט ביסל געלט און רימט זיך מיט זײַן חכמה. אַ! אַ! סאַראַ ביסל יאָלדן עס זײַנען נאָך פאַרבליבן אויף גאָטס ערד.. .כאַ, כאַ, כאַ...

ער איז געוואָרן ערנסטער און געשוויגן מיט יענעם טראַגישן הילפס־לאָזן ווײ־אויסדרוק אויף דעם געזיכט, וואָס איז אַ סך ערגער פון אַ געוויין...

ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע זיינע פּלענער וועלן במילא צו־נישט ווערן און אומזיסט וועט זיין די גאַנצע אָנשטרענגונג עפּעס וואָס צו דערגרייכן. „פון אייגענעם גורל קען מען נישט אַנטלויפן", האָבן זיך אים געבאָמבלט אין מח ווערטער, ערגעצוואו שוין לאַנג געהערטע. ער האָט זיין צעהיצטן קאָפּ אוועקגעלייגט אויפן קישן און געגלאָצט אין פאַרצווייפלונג די אויגן אויפן אַנגערויכערטן סופיט.

— וואָס טוט מען?.. וואָס טוט מען?... — האָט ער צו זיך געשעפּ־טשעט, אַדורכגענומען פון אַ בלינדן פחד.

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אין אים דערוועקט זיין אינערלעך ברויזנדי־קער טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אים גערופן צו ווייטערדיקע מעשים, און דיקטירט, — גיי ווייטער, טאָרסט זיך נישט אָפּשטעלן אינמיטן וועג, ווייל דעמאָלט ביסטו אַ פאַרלוירענער...

ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דעם דאָרן בחורס רייד, וועגן פאָרן דורך מאַלטאַ — יאָ, יאָ, האָט ער געטראַכט, דאָרטן גנבעט מען זיך דורך דעם טייך...

אַלץ אַרום איז מיט אַמאָל לויטער געוואָרן, העלער און מיט אימפּעט האָט ער זיך פון אָרט אַ הויב געטון. דערזען אויפן טיש די פלעשעלעך מעדיצין און ווייכע וואַטע, האָט ער עס אַ כאַפּ געטון אין זיינע פיבער־דיקע פינגער און מיט אַ טראַסק צעבראָכן אויפן פאָל. קוקנדיק אויף די שמאָלע ריטשקעלעך צעגאָסענער מעדיצין, וואָס האָט זיך באַהעפט מיטן דינעם זאַמד פון די ברעטער, האָט ער געפילט, אַז ר'האָט איבערגעריסן מיט דאָס אַלטע בלאָטיקע קלעפּעכץ, וואָס האָט געשטעלט אין סכנה זיינע טריט.

און דערמיזעלבן אָפּדערנאָכט איז ער געווען בא זאַלקינדן.

ער האָט אים געפונען ליגן אין אַנטועכץ אויפן געלעגער מיט אַ פאַר־וויינטן פּנים, אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

— נו, גיבער, שטיי שוין אויף — האָט זיך לעוויט געבייזערט. זע

נאָר — גאָר וויינען... אזא יונג מיט ביינער... טפוי, שעמען מעגסטו זיך...

זאלקינד האָט אף אים געקוקט מיט א פּאָר רויטע אָנגעשוואָלענע אויגן און מיט א פארמאטערטן, אויסגעטריקנטן קול געזוכט זיך צו פאַר־ענטפערן:

— איך וויין, מיינע צרות וויינען ארויס... וואס הויבט מען איצט אָן צו טון? וואו ווענדעט מען זיך, אז קיין צעבראָכענער סענט איז בא מיר ניט פארבליבן?

לעוויט האָט אים אראָפּגעשלעפּט פון בעטל.

— קום צו מיר אין שטוב, כ׳האָב פאר דיר זייער א וויכטיקע נייס.

און גייענדיק דערנאָך אין דרויסן, האָט אים לעוויט געגעבן צו פארשטיין:

— הערסט, כ׳האָב מיך דעצידירט אף דאס לעצטע. כ׳פארקויף מיין איינציקן אנשטענדיקן אנצוג און קישן... פארן געלט וועל איך מיך אדורכ־קריגן די גרעניץ... דו קענסט אויך טאָן דאס זעלבע...

אין שטוב האָט לעוויט זיך אביסל געפּאָרעט ארום דער לעדערנער וואליזקע און ארויסבאקומען פון דארט א נייעם אין העלע פּאסן גע־שטרייפטן אנצוג.

ער האָט אים פארוויקלט אין א פּאפּיר און אוועקגעלייגט אָן א זייט.

מיט אן עקשנותדיקן שפּאָן איז ער באלד צו צו זיין בעטל, א כאַפּ געטון די פוכיקע קישן און מיט איין צי אראָפּגעריסן דאס ציכל. איבערן צימער זיינען זיך צעפלויגן קליינע דינע פעדערלעך, דערמאנט אָן א פליענ־דיקער, נאָר וואס דורכן שוחט אוועקגעשלייד׳ערטער הון...

זיין פּנים האָט אויסגעדריקט קאלטע אנטשלאסנקייט און זעלבסט־זיכערקייט, וואס לאָזט ניט איבער דעם מינדסטן ארט פאר ספקות.

— אין לעבן דארף מען אפּטמאל זיין הארט, ווי א שטיין... ניט לאָזן קיין פריי ארט פאר נארישע סענטימענטן... — האָט ער געשמייכלט צום דערשראקענעם זאלקינדן.

— דער עיקר ווענדעט זיך אין פארשטיין. איך פיר מיך שטענדיק אזוי. זע איך א צרה אָנקומען, באהאלט איך מיר ניט. פארקערט, כ׳לויף איר דרייסט אנטקעגן, ערגער מאך איך דערמיט קיינמאל ניט. אָט, למשל,

איצט פארקויף איך די זאכן אף צו האבן הוצאות, איידער שפעטער צו־ליב עסן... איצט קען איך מיך אף אזא אופן ראטעווען... אנטלויפן... דע־מאלט ווען ס'איז נאך דא מוט... איך נעם עס אזיף ווי א מוז זאך. ס'קומט דערנאך א צייט ווען דאס רעדל דרייט זיך איבער. ווערסט נאך אליין זען —האט ער אים געקלאפט אין פלייצע — ווי איך וועל אפקריגן דאס אלץ אין זעלבן קלייט. אט, אזא משוגעת בא מיר... אויסצופירן א קאפריז.

זאלקינד איז געגאנגען אף צוריקוועגס דערשלאגן ווי א אבל.

ער האט עטלעכע מאל געפרואווט עפעס רעדן, נאר ס'האט זיך ניט געקלעפט. ארויפשטייגנדיק אף די טרעפ צו זיין צימער, האט ער זיך שטארק אנגעהאלטן אן לעוויטס ארעם, ווי מורא האבנדיק ניט אומצו־פאלן.

מיט א געמאכטער העלדישקייט האט ער אויפגעעפנט די שאפע און אראפגענומען דעם גראנאט אנצוג פון הענגער. זיינע קני האבן זיך צי־טערנדיק אנגעקלאפט און א וואקל געטון.

לעוויט האט זיך אוועקגעדרייט אן א זייט, זיך געמאכט ניט זעענדיק. ער האט געקוקט אף דער צעצונדענער שטאט און געווארט אף א נס. שוואַ־כע שלייכנדיקע טריט האבן זיך דערנענטערט צו דער זייט פון בעטל. פלוצלונג האט א שוידערלעכער גיאמער אדורכגעשניטן זיין אויער.

ער האט זיך אין אנגסט געלאזט צו זאלקינדן, וואס איז געלעגן אויס־געצויגן בלייך, ווי א געשטארבענער.

— אט די קישן... די איין און איינציקע... וואס די מאמע האט מיר מיטגעגעבן... די טייערע מאמע... און דער יום־טובדיקער אנצוג... מיין לעצט פארמעגן... כ'קען ניט... ניין, ניין... פארלאנג עס ניט פון מיר...

זיינע ווערטער, אויסגעמישט מיט געוויין, האבן ווי האמערס גע־שפאלטן די לופט. לעוויט האט זיך צו אים אראפגעבויגן, געגלעט מיט צארטקייט זיין אקסל און אננעמענדיק אים פאר די הענט זיך געבעטן:

— נו, איז ניט... שא, וויין ניט מער, הויב זיך אויף.

ער האט אים געהאלפן זיך אוועקזעצן אפן ראנד פון בעט און שפע־

טער, ווען די עטלעכע גלאז לימענע־וואסער האבן פון אים געגנצלעך די שרעק אפגעווישט, האָט ער זיך צו אים אנגערופן:

— כ׳האָב עס פארויס געפילט. דיר האָט פארפעלט מוט, פאסט אף אלץ אויף פון א קליינלעכן שטאנדפונקט. בא דיר איז דער עיקר דאס אויסערלעכע, אין דיינע אייגענע כוחות גלויבסטו ניט.

און איך? ווען כ׳וואלט געהאט דאס לעצטע העמד און עס וואלט מיר אויסגעקומען דאס צו פארקויפן צוליב א ציל, וואלט איך אפילו מיט קיין אויג ניט קיין פינטל געטון. „נאַ, נעם, וואלט איך צו מיין גורל געזאגט, כ׳על מיך אָן דעם אויך אן עצה געבן"... בא מיר איז דאס שווערסטע די אינערלעכע ליידן. כ׳קען זיך ניט בויגן פאר קיין פאקטן, כ׳בין צו שטאָלץ דערצו, כ׳קען ניט זיין קיין יורד און אָנקומען צו מענטשישע רחמנות... כ׳דרינג בשעת מעשה אזוי: האָט מיין „איך" ניט מער דעם ווערט פון אן אנצוג מיט א קישן, דאן דארף איך בכלל ניט עקזיסטירן... איך בין דער איינציקער באלעבאס פון די זאכן און פון מיין לעבן, דארפן זיי שטיין גרייט צו מיין דיספאזיציע, ווען כ׳וועל מיך אין זיי נויטיקן... פארשטייסטו?

ער האָט קיין ענטפער ניט באקומען. שטיל, ווי אין א קבר, איז געווען ארום.

לעוויט האָט א מינוט געווארט, באלד זיך פארויטלט און פעסט באשלאסן:

— נו, מילא, דארף מען ניט... ער האָט זיך מורא...

ער האָט דערפילט אין זיך א גוואלדיקע גבורה. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אז אלץ אונטער אים זינגט און טאנצט.

מיטביידע פעקלעך אונטער די ארעמס האָט ער גליקלעך געשמייכלט צום באלויכטענעם שילד פון דער „קאמפרא אי ווענטא".

דער באלעבאס פון קאמבאלאטש, א נידעריקער דארער גוי מיט א פּאָר אויסגעקראכענע וואנצעס און וואסערדיקע אויגן, האָט פאמעלעך אנגעטון אף דער ביינערדיקער, שמאָלער נאָז א פּאָר ווייס־בארעמטע ברילן און מיט בטול גענומען באטראכטן דעם שטאָף פון אנצוג מיט א מינע פון א

רייכער, קאַרגער באַלעבאַסטע בשעת ער בלאָזן אין הינטער חלק פון א הון...

— אַט זעט אליין — האָט ער כיטרע א לאָז געטון אין גאַנג זיינע קליינע, איינגעגראָבענע אויגעלעך, זעט אליין, ווי האַרט און שאַרסטקע ס'איז דער מאַנופאַקטור, פּשוטע טינופת...

לעוויט האָט געשוויגן. ער האָט אַראָפּגעלייענט פון קאַמבאַלאַטשעראָס פּנים דאָס גאַנצע ביסל צביעות, וואָס האָט זיך געגעסטעט אין זיין האַרץ.

— ווי שעמט ער זיך ניט, דער דבר אחר, צו וואַרפן מיר אין פּנים אַזעלכע געמיינע שקרים — האָט אים דער פאַרדראָס געיאָדעט.

נאָר דאָס איז בלויז געווען אויף א מאָמענט, אייגנטלעך, וואָס איז אים די נפקא מינא, א פּאָר פּעזעס מער, א פּאָר פּעזעס ווייניקער, דער עיקר ער זאָל נאָר האָבן אויף הוצאות.

ער האָט אויפגעוויקלט דאָס צווייטע פּעקל, אַרויסגענומען די בלויע גרויסע קישן און אָן ווערטער עס אַריבערדערלאַנגט דעם באַלעבאָס, איבערן מועסטראַדאָר.

— וואָס פאַרא אָנשטעלן זיי מאַכן עס די לייט... האָט ער אַרומשפּאַצירנדיק הין און צוריק לענג אויס די איבערפולטע אַנטיקוואַר־פּאָליצעס געבורטשעט פון צווישן די ציין: — נו, גוט, קומט אַהער, יונגערמאַן, האָט ענדלעך דער סוחר באַוויליקט.

ער האָט אָן איבערגעבויגענער איבער דער אייזערנער, שווערער קאַסע, געהאַלטן אין איין אַרויסנעמען הויפנס קליינע ניקל מטבעות, טיף אַפּזיפּצנדיק באַ זייער קלונג אויפן מאַרמאַלנעם טיש־ברעט.

לעוויט האָט צונויפגעשאַרט דאָס געלט, אַריינגעוואָרפן אין קעשענע און גיך נעלם געוואָרן דערמיט, ווי פון א גיסרפאַכע...

„היינט איז די לעצטע נאַכט פון מיין זיין דאָ"—האָט אים אין דרויסן א בליץ געטון א געדאַנק — „די לעצטע שעהן"...

און פּלוצלונג איז אים טייער געוואָרן די שטאָט, וועלכער ער האָט אין די פיינלעכע מאָמענטן אַזוי פיל געשאָלטן און פאַרהאַסט.

ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט יעדע קראַם און מענטש, וואָס ער האָט באַגעגנט, ווי וועלנדיק עס אָפּהיטן אין זכרון.

— אַט די אַלע זאַכן, די מויערן, געשעפטן, מענטשן, גאַסן, אַלץ, אַלץ וועל איך שוין מער קיינמאָל נישט זען, קיינמאָל... אַ בענקשאַפט האָט אים איצט, אין דער בין השמשות שעה, אַרומגעכאַפּט צו דער שטי־לער, פאַרחלומטער שטאָט, וועלכע האָט אים, ווי „אַן איבעריקן" פון זיך אַרויסגעשפּיגן, פּונקט ווי באַם צעשיידן זיך מיט אַן אומגעטרייער געליבטע, וועלכער מ'הערט דאָך אַלץ נישט אויף צו ליבן...

דער שטאָט־זייגער, האָט פון זיין הויכן טורעם אַראָפּ צוויי מאָל זיך צעקלונגען אין דער נאַכט, ווען לעוויט האָט פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין זיין חבר בערלס טיר.

— ווער איז דאָרט? אַ? — האָט ער נאָך אַ לאַנגער שטילקייט דער־הערט, אַ דערשראָקן איבערגעוועקטן קול.

— איך, לעוויט... עפן אויף!

ס'איז ליכטיק געוואָרן אין אויבערשטן פענצטער, וואָס האָט אַרויס־געקוקט אין גאַס אַרויס און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך געהערט אויף די טרעפּ שלייכנדיקע טריט פון אַ פּאָר פיס, אויף וועלכע מ'האָט אין גאַייל אַרויפגעצויגן ניט קיין פאַרשפּילעטע שיך.

בערלס פולער, פון שלאָף פאַרויטלטער פנים האָט אויסגעדריקט גרויס פאַרוואונדערונג.

— דו האָסט זיך אודאי ניט געריכט איצט אויף מיין באַזוך? — האָט לעוויט אים אַריינגעשמייכלט, — ווען נישט, פאַרשטיי איך, וואָלסטו פאַר מיר געלאָזט די טיר אָפן...

— נו, קום בעסער אַרויף אויבן, וועסטו זיך קענען ווייצלען, וויפל דיין האַרץ גלוסט. ס'איז מיר קאַלט און כ'האָב מורא נישט צו פּאַקן איצט די אמתע פאַרקילונג...

— דער רוח ווייסט דיר אויך, — האָט לעוויט זיך מיט אים גערייצט, אַזאַ גלית און ציטערסט איבער אַ פּיצל ווינטעלע, ווי אַ מפּיל קינד.

מיטאַמאָל האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ שטיף טון.

ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין פאַרויסגייענדיקן חבר פאַר אַן אַקסל, האַסטיק אים אַ טרייסל געטון, ווי אַ באַרנע־בוים און פאַרגאַנגען אין אַ הילכיקן פראַלנדיקן געלעכטער: כאַ, כאַ, כאַ.

בערל האָט זיך ניט ווילנדיק אויך פאנאנדערגעלאכט.

— משוגע מיינע שונאים — האָט ער זיך געהאלטן בא די זייטן — וואס טוט זיך דאָ מיט דיר?

מאָמענטאל האָט ער זיך געכאפּט און גענומען בעטן: שטילער לע־וויט... דער גאנצער הויף מיט שכנים וועט זיך נאָך אויפכאפּן. פארשטייִ דו אליין...

לעוויט האָט אים נישט געהערט.

— נו, פרעג איך בא דיר, זאג אליין, איז וואס וועט דא זיין, אז א הויף מיט שכנים וועט איין מאל אין א יובל איבערייסן דעם שלאָף? מיינסט, די וועלט וועט אונטערגיין? א לאָך וועט ווערן אין הימל?

בערל האָט אים אויפמערקזאם באטראכט.

— וואס איז דיר — האָט ער אים ווארעם געפרעגט — האסט זיך נישט אמאל אנגעטרונקען ערגעץ? די גראנדע געמאכט?

לעוויט האָט אוועקגעזעצט בערלען אף א שטול און מיט דער האנט פארשטעלט דאס מויל:

— שוויג שוין בעסער, זאג איך דיר, ווייל נעמסט מיך נודיען אפן הארץ... בא דיר מוז פריילעכקייט האבן א סיבה. אָט די גראנדע מאכן, אדער, לכל הפחות, אן איבעריק גלעזל אריינכאַפּן... ווען נישט הייסט מען א חסר דעה, אַ? און בא מיר איז עפּעס אנדערש...

דער אומעט און פריילעכקייט קומען פון זיך אליין. זיי גנבענען זיך אריין טיף אין דער נשמה און ס'זעצט פון דארט מיט פרייד...

עס ווערט דעמאלט אינווייניק ענג... שרעקלעך ענג... און עס ווילט זיך, אז אלע, אלע, זאלן זיך מיטפרייען. אָט איצט, למשל, על פי שכל, וואלט איך באדארפט אננעמען אן אויסזען פון א פרומער כלה ערב דער חופה...

— כ'בעט דיר, לעוויט, — האָט זיך בערל אויפהויבנדיק פון דער שטול, צו אים דערנענטערט. כ'זע, לעבסט עפּעס איבער... דערצייל מיר. אלץ פארלייקן גארנישט... קענסט דאך מיר פאר א געטרייען חבר. נו, טאקע פארוואס זאלסטו מיר אומזיסט און אומנישט פייניקן?

לעוויט האָט עטלעכע מינוט געשוויגן און דערנאך א רואיקער, מיט גרויס אנשטרענגונג, געזאגט:

— כ'בין געקומען מיט דיר זיך געזעגענען. כ'האב בא זיך בשום אופן ניט געקענט פועלן זיך אויפהויבן און אוועקפארן אן א זיי געזונט. גלויב מיר אף מיין ווארט. דאס איז אלץ, אלץ... נישט מער.

— אבער וואוהין פארסטו עס? — האָט אים בערל פארוואונדערט אָנגעקוקט.

— קיין בוענאס איירעס... דורך סאלטא... ווייסט דאך מען האָט מיר די וויזע נישט געוואלט געבן.

בערל האָט אים אָנגעכאפט פארצווייפלט די הענט:

— לעוויט — האָט ער זיך בא אים געבעטן — גאָט איז מיט דיר! טו עס נישט... ס'איז דאך א לעבנס געפאר... שמוגלען זיך איבער א ים מיט עפעס א שארלאטאן א פישער. וואו איז די גאראנטיע? מיט א יאר צוריק איז דערטרונקען געווארן אַ פּאַרטיע עמיגראנטן, מיט ווייבער און קינדער... אלע מאל הערט מען פון נייע קרבנות... טארסט נישט פארן... הערסט? טארסט נישט... טארסט...

לעוויט האָט אים געקלאפט מיט אן א שיעור ליבשאפט אין פּלייצע און קוקנדיק אים דרייסט אין די אויגן אנטשלאסן גערעדט:

— אומזיסט די אלע טענות... כ'וועל סיי ווי פאָרן. הָאָ איז פאר מיר דאס לעבן געווארן א גיהנום. איך פיל מיך געפאלן. אפט מאל דוכט זיך מיר, אז כ'בין אן איבעריקער מענטש אף דער וועלט... נישט איך באקום ארבעט און נישט מען לאזט מיר ארוים. הייסט עס — דארף מען מיט כח? וועל איך... אנדערש, קומט מיר אוים צו זיין דערנידעריקט, ריידן מיט א שטיל הכנעהדיקן קול. עפעס דוכט זיך, אז יעדן איינעם קומט פון דיר א חוב... אלע נעמען קריגן אף דיר רחמנות... ניין, כ'קען עס נישט... ניין...

ער האָט זיך א וואָרף געטון מיט ביידע ארעמס אף בערלס האלדז, אים היים געקושט: נו, זיי מיר געזונט... און אז ס'וועט באשערט זיין, וועלן מיר זיך זען בא בעסערע באדינגונגען.

ער האָט נישט געקענט קוקן אין זיין חברס פארוויינטן פנים און מורא האבנדיק פאר א „צווייפל", וואס זאל זיך נישט נעמען אריינגנבענען טיף אים אין דער נשמה, האָט ער זיך ראפּטום, בלינד א לאָז געטון צו דער טיר.

א פארשלאָפענער און שרעקלעך מיד פון דער צוויי טאָגיקער רייזע, איז לעוויט אין א זונטיקדיקן, העלן באַגינען, אָנגעקומען אין גרעניץ שטעטל.

ער האָט געהאַלטן דעם טונקל גרינעם רעגן מאַנטל אַף זיין אָרעם, מעשה טוריסט און וואויל יונגעריש געשפּאַנט צום אייגנטימער פון דער „לאַנטשאַ", וואס האָט נאָך דעם זעלבן אַפּדערנאַכט געדאַרפט אַפּגיין אַף יענער זייט טייך.

דער באַלעבאָס פון שיפל, א גראָער מאַן מיט אַן אויסגעטריקנטן פּנים ווי א ברעט, וואס איז געווען געדיכט צעקאַרבט, ווי א שוואַרצער לאַבן, האָט נאָכן אַפּקריגן און זידלען זיך העכער א שעה צייט, ענדלעך מסכים געווען אים איבערצופירן פאַר א קליינעם פּרייז.

— וואס זאל איך טון מיט דיר? (ער איז באַלד מיט אים אַריבער־ריידן אַף „דו") כ'זע אַן דיין פּנים נאָך, אַז דו האָסט נישט מער...

ערשט דערנאָך, ווען ער האָט אַפּדערציילט אומגעבעטן, א שטיק טרויעריק לעבנס־געשיכטע פון זיין פרוי, וואס האָט אים פאַראַטן מיט א קאַפּיטאַן פון א פּאַסאַזשיר שיף, און געשפּיגן קלעק אַפן גאַנצן ווייבערישן מין, וואס איזן נישט ווערט קיין שמעק באַטאַק, ערשט דערנאָך איז ער ווייך געוואָרן, ווי א פּיצל קינד, און אַרומנעמענדיק לעוויטן פאַר די שמאָלע אַקסלען מיט שוועסטערישער צערטלעכקייט, ממש אינטים א פרעג געטון:

— נו, איצט ועסטו זיפּן א מאַטע?

ער האָט נישט געוואַרט אַף קיין ענטפער, און איז באַלד אַוועק אין קיכל, פון וואַנען ס'האָט זיך אין א רגע אַרום דערהערט דאָס טאַנצנדיקע געזאַנג פון דער פּרימוס־מאַשינקע.

נאָכן אויסזויגן די ערשטע „אַמאַרגאַ", האָט אים דער אַלטער, פּונקט־לעך יעדע דריי מינוט דערלאַנגט די באָמבילשע און געחוזקט:

— ווי, דאָרטן בא אייך אין „רוסיא" זופּט מען זיך נאָך אַלץ אָן פּולע בייכער מיט טיי?... כ'האָב געהאַט א חבר, א גוטן ברודער, א „רוסאָ", ער האָט געדינט מיט מיר אַף דער זעלבער שיף, פלעגט ער מיר מכבד זיין מיט טיי פון א הויכער כלי. ס'איז מיר גראַד אַרויס פון זכרון, ווי ס'האָט בא אים געהייסן, מיט א קראַן אזא...

— דו מיינסט מסתמא א סאמאוואר, האָט אים לעוויט ארויסגעהאָלפֿן.

— פּונקט געטראָפֿן, האָט זיך דער אלטער שטארק דערפֿרייט און נאָך א קליינעם ישוב האָט ער צוגעגעבן: מ'קען נישט זאגן. ס'איז אויך א סאָרט געטראנק, אבער, צו „אונדזערער" קומט עס פּאָרט נישט...

אין בין השמשות, האָט לעוויט באדארפֿט צוװאַרטן באַם רואיק דרימלענדיקן שטעטלשן פֿאָרט.

א באוואָפֿנטער פֿון די פּיס ביזן קאָפּ, שווארצער סאלדאט האָט זיך מאיעסטעטיש געשפּאַצירט הין און צוריק, לענג אויס דעם ברעג, מיט אזא שטאלצער ברוגזער מינע און אויפֿגעשטעלטן האלדז, גלייך ער וואלט א שטעקן אראָפּגעשלונגען אַף א אנבייסן...

לעוויט איז פֿארבייגעגאנגען נעבן אים מיט א קילבלעכן שוידער און מיט א געפֿיל פֿון א מענטשן, וואס גייט אַפֿנאַרן זיין שונא.

— אָט ער דאַרף דאָך עס קאנטראלירן די דאקומענטן, האָט אים די זאָרג נישט אָפּגעלאזט.

די לאנטשא איז געשטאנען נישט ווייט אָפּגערוקט אין וואסער, צו־געבונדן מיט א גראבן זעקס־פֿאכיקן שטריק ארום א אייזערנעם פּרענט.

דער מאטאָר האָט זיך דאָרט אינווייניק שוין געקאָכט פֿון כעס, פֿארס־קענדיק מיט די ליפּן, ווי א יונגער ראַסאווער פֿערד.

די פּאסאזשירן, כשרע בירגער, מיט ריינע געוויסנס, האבן זיך ברייט־לעך צעלייגט אַף די ברוין-געפֿארבטע בענק און נישט געקענט תופֿס זיין, פֿארוואס דער „אלטער" זאמט זיך אזוי לאנג.

— טשע, מאנועלא, וואמא! — האָט איינער, א אומגעדולדיקער, ארויסגעשטעקט דורכן אָפֿענעם פֿענצטערל א פֿארשפּיצטע גאמבע. מאנועלא איז אבער גראד איצט געווען שטאַרק פֿארנומען.

ער האָט געהאט א וויכטיקן געשפּרעך מיטן שווארצן סאלדאט וועגן דעם בעסערן טעם פֿון אן אסאדא א לא קריאָזשא, אדער א לא נאַפּאָלי־טאַנאַ.

— וואס פֿארשטייסטו, דו גולם, דו נעגרישער קאָפּ, האָט אים דער אלטער געגלעט מיט זיין שווערער האנט, איבער די געקרויזטע, ווי בא א

שעפס, שווארצע הערעלעך, נו זאָג זשע אליין, וואס פארשטייסטו דעם תענוג פון א... מיט דער צווייטער האנט, האָט ער אונטן ארום געגעבן סימנים לעוויטן, ער זאל ארויפקריכן אפן שיפל.

לעוויט האָט זיך זייטיק געשלייכט אף די שפיץ פינגער, אין גרויס איילעניש געמאכט פאראמאל צו צוויי טרעפלעך אפן הילצערנעם, צוגעבונדענעם לייטערל און אן אטעם זיך אריינגעפרעסט אין דער געדיכט באזעצטער מענטשן־מאסע.

דער אלטער איז גיך צוגעקומען און פריילעך א קאמאנדעווע געטון מיטן מאשיניסט, ער זאל א לאָז טון אף דער גאנצער פארע...

— נישקשה, האָט ער זיך צוזעצנדיק נעבן לעוויטן, אים אריינגערוימט א סוד. כ'האָב גלאטיק אפגעארבעט דאס אמתע שטיקל...

גיך, גיך האט דער לאנטשעם שפיציקע נאָז געשניטן דאס טיפע, בארדא וואסער, איבערלאזנדיק איבערן וועג בלוטיקע צייכנס.

לעוויט האָט געקוקט אף דעם אנקומענדיקן אוונט, וואס טובלט זיך זיבן מאל איבער אין טייך, כדי ארויסצוקומען א גערייניקטער א לויטערער אף יענער זייט און אין גערדאנק נאָכגעטון דאס זעלבע.

ער האָט פון זיך אראפגעווארפן אלע דאגות און קלעמענישן, וואס האבן געפענטעט זיין נשמה און דערפילט זיך גרינג, ווי ניי געבוירן.

ווען דאס שיפל האָט זיך אויסגעליידיקט פון אלע פאסאזשירן און אים א באזונדערן געפירט אפשטייגן אין א זייטיק, פארווארפן ארט, האָט ער זיך דערנענטערט צום „אלטן" אים דערלאנגט דעם רעגנמאנטל און געזאגט:

— זעסט, בלויז דאס איז מיר פארבליבן... נא, נעם זיך עס א מתנה... דו האסט מיר געעפנט א נייעם ברייטן וועג אין לעבן... א דאנק דיר. ס'קומט דיר א סאך א סאך מער...

טרעטנדיק איבער די פעלזיקע שטיינער פונם ברעג, האָט ער אונטער די פיס געפילט די פרייד פון נייער ערד און דאס גליק פון א מענטשן, וואס האָט גארנישט און פארמאגט אלץ...

אַ רעגן

דורך דער נאכט האָט זיך מאוריסיא עטלעכע מאָל אויפגעוועקט.

ער האָט יעדעס מאָל זיך דערשראָקן א ריס געטון פון ארט, גלייך א הונט וואָלט אים א ביס געטון, און געגלאָצט אין חושך אריין מיט מאָדנער נישט פארשטענדעניש: צו אלדי שווארצע יאָר, ס'וויל גאר היינט ניט טאָג ווערן? צי וואָס?

דערפאר, אָבער, האָט זיין קאמפאניערא פון צימער, דער געל־בלאנדער דייטש, מיטן ברייטן פיעגעוואטן פנים, געשנאָרכט אף אלע כלים.

ער האָט נאָכאנאנד געהאלטן אין איין ארייַנציִען און ארויסלאָזן דעם אָטעם מיט א משונהדיקן פייף, גלייך ער וואָלט איצט, אין דער מינוט, וואָך געווען און גערויכערט א פאפיראָס. א שטאַרקער כעס האָט פּלוצלונג ארומגעכאפּט מאוריסיאן.

— אָט זע, ווי דאָס האָט זיך צעלייגט, פּונקט ווי באָם טאַטן אין ווייַנגאָרטן — און ער האָט געדריקט א קללה צווישן די ציין. א רוח אין זיין פּרצוף... כאליעט און כראָפּעט, אז א האָר זאָל אים כאָטש אָרן...

מאוריסיא האָט איצט נישט געקענט אפרייסן קיין אויג פון זיין קאמפאניערא. צוליב דער פינסטערניש, וואָס האָט געהאלטן שטארק ארומגעקלאמערט דעם צימער, האָט ער גארנישט נישט געזען.

ער האָט אָבער דערפאר לייכט זיך געקענט פארשטעלן, ווי די קאלדרע באָם שכן הויבט זיך נאָכאנאנד ארויף און אראָפּ מיט אזעלכע לייכטע ריטמישע באוועגונגען, ווי בא שוועדישער גימנאסטיק.

ער האָט אויך פארשנורעוועט די ליפּן און אָנגעהויבן אקוראט בלאָזן: פּפף... פּפף... פּפף... פּפף...

ס'איז אים אבער באלד נמאס געווארן.

איז ער געבליבן ליגן אזוי אף אן ארט, אומבאוועגלעך, ווי א פּאראַ־

ליטיקער, און פון רגילות וועגן, אנגעהאנגען די אויגן ארויפצו צום סופיט.

די געדיכטע פינסטערניש איז דערווייל אלץ שיטערער געווארן. זי איז נאָך געלעגן אף אלץ אויסגעגאסן, אָבער וואס א רגע איז זי געווארן מער איינגעפאלן און פארשרומפן. איינציקע בלאָלעכע ליכט פאסן האבן זיך פארשעמט אריינגעגנבעט...

איז אָט, קוקנדיק אין דער הויך אפן סופיט, וואו יעדעס ווינקעלע איז אים, מאוריסיאן, פון לאנג־חדשימדיקן גאפען זיך, געווען דאכט זיך אזוי געגוג באקאנט, איז אָט איצט פארט אנדערש געווען, עפעס א פארמלאזע פיגור ווינקט צו אים אראפ פארשייט און לאכט כסדר... לאכט...

מאוריסיא האָט זיך אנגעכאפט פארן קאָפ. א רגע איז ער געבליבן ליגן אן אָטעם, ווי פארחלשט. ער האט זיך געישובט: מ׳דארף אויפוועקן דעם קאמפאניערא, שלעכט... א שלאָפלאָזע נאכט...

אין דער מינוט האָט ער אבער באשלאסן עפעס אנדערש:

ער איז אראפ פון בעט און אף די שפיץ פינגער, פאמעלעך, זיך גע־שארט צווישן די שטוב־חפצים, ביז ער האָט אָנגעטאפט דאס פענסטער. ער האָט פאררוקט דעם טונקל־קאלירטן פארהענגל און א מאָדנער געמיש פון פינסטערניש מיט באגינען־בלאָקייט האָט אים א קלאפ געטון אין פנים. ער האָט געקוקט צום הימל און גארנישט געזען.

א געהיימניספולע מאסע איז דארט געלעגן, א פארשלאסענע אין זיך מיט הוילע רעטענישן.

אף צוריק איז אים שוין דער וועג אָנגעקומען לייכטער.

דער גרוילעכער אפשיין פון דרויסן האָט אים געהאלפן באם פאנאנ־דערקלייבן דאס געשטאלט פון סופיט.

איז ער זיך ווידער געלעגן מיט א פאריסענעם קאפ און נאָכגעשפירט די סמנים פון באלקן, וואס האבן יעדע רגע געביטן זייער צורה: אט מיט א שפיציקן נעזל, א פארבויגנס, און באלד מיט א פאנאנדערגעשפרייט מויל, ווי א חיה, א פארזעעניש.

ס׳האָט, ווייזט אויס, געפרישעט א רעגן. זיכער אין דעם איז ער נאָך נישט געווען, שוין פשוט דערפאר, וואס ער האָט אים נישט געהערט פאלן. וויפל ער האָט נישט אנגעשטרענגט זיין געהער אף איבער דער וואנט, האָט

ער אחוצן פארטויבטן אפהילך פון שטאָט, גארנישט נישט באנומען. אבער דאָך האָט עס געמוזט פרישען, טאקע פאמעלער און מיט דיניטשקע, פיצינקע טראָפנדלעך, גאר דריבנינקע.

די נאסקייט, וואס האָט זיך פארצויגן אף די בעלקעס, האָט זיך געהאלטן אין איין אויסשפרייטן. ווי פון א תהום זיינען ארויסגעקומען אלעמאל אנדערע פיגורן.

און היימיש נאָנט איז אים געווען דאס בילד.

פונקט אזוי האָט ער ליב געהאט צו קוקן אפן סופיט דארט בא זיך אין דער היים, אין די שפעטע שעהן פון ווינטערדיקע נעכט, ווען דער שלאָף האָט בשום אופן נישט געוואלט קומען — נו, יאָ, דארט פלעגן זיך אויך אמאל טרעפן זארגן, אינגלשע זארגן... נארישקייטן... אָט אזוי זיך.

פלעגט ער ליב האבן צו קוקן אפן שווארצן שאָטן, וואס דאס נאכטלעמפל שפיגלט אָפ אפן בלאנקן סופיט. די מאמע זיינע זיצט אנגעשפארט באם טיש און צירעוועט, צי פארנייט עפעס א בגד, און פון צייט צו צייט נעמט זי דאס לעמפל אין האנט, גייט אויסזוכן א קנעפל... א לאטע. און מיט יעדער באוועגונג פון איר האנט אנטשטייט דארט אויבן א שרעקלעכע מלחמה.

געשטאלטן באווייזן זיך און פארשווינדן.

קריכן זיי, די אָנפארמיקע צורות, צעדרייטע, צעקריפלטע, אָן פיס און אָן הענט, קאליקעס מיט פארדרייטע ווידלען, שרעקלעכע געשפענסטער, פויזן אף אלע פיר, צעברעכן זיך אן די ווענט — און אין אים צאפלט דאס הארץ. אזא רחמנות פילט ער צו די אומגליקלעכע, הילפלאָזע באשעפענישן... — — — — — —

דאָס גראע אפגעשטארבענע ליכט האט זיך געקרעפטיקט, פונקט ווי אן איינגעפאלענער, וואס האָט באקומען א היפשע דאזע קאנפער־איינשפריצונגען. די נאסקייט אפן סופיט האָט זיך איצט צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט.

זי האָט שוין, אָבער, נישט דערוועקט מער קיין שום אינטערעס.

ס'האָט פשוט דער ווינט מן הסתם אראפגעריסן אין א פאריקער נאכט א שטיק בלעך פון דאַך, רעגנט עס אינווייניק אריין.

א גאנץ געוויינלעכע געשעעניש.

און מאוריסיאס אויגן האבן ווידער גענומען ארומבלאנדזשען אין חלל פון צימער. מיט עפעס מוז ער דאך דעם לאנגוויל פארטרייבן, ווי דען?

אפן טיש זיינען נאך געלעגן שיריים פון נעכטיקן עסן, קרישקעס און פעניצעס ברויט, שטיקלעך אפגעגריזשעטער ווארשט און בלייכע טיי אין מוטנע, נישט ריין אויסגעוואשענע גלעזער.

— א כאליערע אף אים — האט מאוריסיא אויסגעדרייט צום קאמפאניערא דעם האלדז — ווי דאס פירט עס א באלעבאטישקייט. איז אנגעשטאפט מיט געלד, ווי גרויס ס'איז און קארג איז עס, אלץ הייסט קארג...

און געדענקט האט ער מיט א מוראדיקער גענויקייט די אלע לעקציעס איבער שפארזאמקייט, וואס דער שכן האט מיט אים איינגעקנעלט:

„מאן מוז א גוטע ווירטשאפט קענען לערנען, עקאנאמי מאכן"...
אבער אייגנטלעך וואס גייט עס אים אלצדינג אן?.. זיין באבעס עסק, ווי איינער וויל אזוי פירט ער זיך.

בסך הכל קומט ער, מאוריסיא, דאך אים ארויס געלט. אי, ס'פארדריסט אים? נו, איז באשר...

פון דער שטול, וואס באם שכנס בעטל האט זיך עפעס עקשנותדיק געגלאנצט.

וואס קאן דאס זיין?

מאוריסיא ווערט מיטאמאל פארדראסיק אף זיך אליין: זע נאר — נעמט ער זיך שטראפן — ווי דאס שפילט זיך אביסל. פונקט ווי א פיצל קינד.

אבער ער געפינט באלד א זכות: וואס זאל ער פארט טון? אז פון אייגענעם ביטערן לעבן איז אזוי פיינלעך צו קלערן. ער וועט שוין אלצאיינס גארנישט אויסטראכטן... גארנישט...

נו, טאקע אף אן אמת, וואס קאן דארט זיין?

ער האט אנגעבויגן דעם האלדז אף פארויס, ווי איינער, וואס טונקט זיך איין וואסער, שיעור זיך נישט ארויסגעקייקלט פון בעטל און א גליקלעכער זיך צעשמייכלט: א, א, דער וועק־זייגער!

ס'איז פונקט זיבן מינוט נאך זעקס. פעלן הייסט עס, גאנצע דריי

און פופציק מינוט ביז דער וועקער וועט זיך נעמען רייסן, ווי א הונט אף דער קייט, גאנצע דריי און פופציק מינוט...

מאוריסיא וויקלט זיך שטארקער איין אין דער קאָלדרע.

פון דעם פאַל יאָגט א פייכטקייט מיט א קעלט אינאיינעם.

גוט איז איצט צו מרוזשען די אויגן און ליגן איינגעדרייט, ווי א בייגל, און מיט הארצקלאפעניש דערשפירן די זיסקייט פון יעדער מינוט.

אָט די רגע, וואס גייט איצט, איז געבענטשט. זי איז פול מיט גוטס, ווי א ווייַנטרויב מיט זאפט.

ווייל...

ווייל נאָכדעם, ווי דער זייגער וועט אויסקלינגען די שעה, וועט ער זיך דארפן שלעפן א שעה צייט מיטן טראמוויי, אין א פארוואָרפענעם אונטערשטן געגנט, צו זיינעם א פאיסאַן, א אויפגעקומענעם קוענטעניק.

און א גאנצן טאג זיך שלעפן איבער די הייזער, ווי דער ערגסטער בעטלער און קלאפן מיט תחנונים:

„סעניאָראַ קאָמפּרע אַלגאָ, אַי כענעראָס לינדאָס, באַראַטאָ, סע ווענדע א פלאַסאָס"...

„באַראַ־טי־סי־מאָ!.."

און דערביי אנשטעלן א פאָר נעבעכדיקע פארטערטע אויגן, ווי א געשלאגענער הונט, וואס האָט מורא צו אנטלויפן פון זיינע באלעבאטים איבער דעם שטיקל ברויט...

ער, מאוריסיא, ווייסט, אז ער וועט אין איינעם א טאָג, גייענדיק אזוי מיטן פעקל קארטעס, פאלן אפן גאס און, ווי א מידער משא־פערד, אויס־ציען די פיס... ער ווייסט עס... יעדע נאכט חלומט זיך עס אים. היינט אפילו אויך...

אָבער ביז ער ציט נישט אויס אף אן אמת די פיס מוז ער גיין. ער מוז. ס'העלפט נישט קיין שום חכמות.

ארגענטינע. א פרעמדע וועלט־טייל. אן א פאך. אן קרובים. ווער וועט אים העלפן? ווער? ליגט ער, מאוריסיא, און פילט, ווי די זיסע מינוטן אנט־לויפן, ווי די ווייזערס רוקן זיך, רוקן זיך... ער וואלט אזוי וועלן, אז א

ספּרוזשינע זאָל פּלאַצן... זאָל היינט דער וועק־זייגער נישט קלינגען... נאָר היינט. ער פּילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען...

— טאַקע. ס׳קען דאָך אַמאָל אַזאַ זאַך טרעפן. אַמאָל... אַמאָל...

ער ליגט איצט, ווי אַ שטיין און וואַרט אויף אַ נס.
דורך דער קאָלדרע דערגייען צו אים שאָרכן פון יענער זייט וואַנט.
די מענטשן פון צווייטן צימער טוען זיך איצט אָן מיט אַ געפּילדער.
פון דעם טומל האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט דער פּיגעוואַטער קאַמ־פּאַניערא.

ער שלעפּט אַרויף די געפּרעסטע הויזן און גענעצט מוראַדיק.
ער קען זיך פאַרגינען אַזוי הרחבהדיק צו גענעצן.

זיין „סועלדאַ" פון אַ בוכהאַלטער וועט פון דעם אויף אַ האָר נישט געמינערט ווערן, אָסור...

— מאַוריסיאַ, מאַוריסיאַ זילבערשטיין, — דערמאָנט ער זיך פּלוצלינג אין דעם שלאָפנדיקן שכן, — מאַוריסיאַ שוין צייט אויפצושטיין!

די רייד טרעפן מאַוריסיאָן, ווי אַ דונער. וואָס קען ער אים דען זאָגן? אַז שולדיק איז ער אים שוין, אַחוץ פאַר אַנדערטהאַלבן חדשים דירה־געלט, אַ גאַנצן באַרג מיט קליינע חובהלעך. וואָס וועט ער אים דען קענען זאָגן אויף נישט צו גיין צו דער אַרבעט?

שווייגט ער. ליגט ער נישט טויט נישט לעבעדיק און שווייגט, מאַכט זיך שלאָפן.

נאָר שאַ, עפּעס אַ מאָדנער רעש דערגייט צו זיינע אויערן. אַ רעש פון דרויסן, וואָס פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער.

וואָס איז עס?

ער רייסט אַראָפּ די קאָלדרע און ווענדעט זיינע בליקן ראַשיק צום פענסטער.

ס׳איז שוין גוט ליכטיק. דער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעבלויט, ווי וועש, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון אַ נאַכטיקן ווייקן, איצט פאַלט אַ גאָס רעגן. דיקע טראָפּנס פּייקלען מיט אימפּעט אויף די שויבן. איינס נאָכן אַנדערן פאַלן זיי און טראַסקען, ווי אַ האָגל. זיי יאָגן זיך לענג אויס די שויבן, קייקלען זיך אַראָפּ און צערינען

דער רעגן ווערט אלץ שטארקער. עס פליִיצט ממש. דאס קלאפן זיינס דערהערט זיך פון גאנצן ארום, פון די דעכער און פון דרויסיקן, שטיינער־נעם ברוק.

די גאס זעט איצט אויס נעבעכדיק און פארשעמט.

פונקט אזא רחמנותדיק פנים האָט אויך דער דייטשער קאמפאניערא, וואס פאָרעט זיך שוין א שטיקל צייט באם פארשטויבטן שירעם.

מאוריסיא האָט זיך פארטראכט צוגעהערט צו די פאלנדיקע טראָפנס און אף זיין פנים האָט געֿרוט א בארואיקנדיקער שמייכל.